יודען, געדענקט, אַז דער קאַמף געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד דויערט!

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען | (טאַבעלע פון די מלוכה־לאָטעריע זעה — זייט 9) | [הע]רינט 10 זייטען

[נ]ייער פאלקסבלאט

№ 12 | Łódź, Wtorek, 14 stycznia 1936 | פערצענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאַג י״ט טבת תרצ״ו | № 12

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | [אַדר]עס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71.

דער אורטייל אין פּראָצעס

[ק]עגען די בעשולדיגטע אין מאָרד פון מין. פּיעראַצקי

[ו]אַרשא, 13 (טעלעפאָניש)
[ד]אָס קרייז־געריכט האָט היינט פערעפענטליכט [דע]ם אורטייל אין פּראָצעס וועגען ערמאָרדען דעם [מיני]סטער פּיעראַצקי.

[ד]אָס געריכט האָט פערמשפּט:
[ד]עם בעשולדיגטען **סטעפאַן באַנדעראַ**, [וואָס אי]ן געהערען צו א. או. נ. (אָרגאַניזאַציע פון אוק[ראַינ]ישע נאַציאָנאַליסטען) אויף 15 יאָהר טורמע, [... פא]ר אַנטיילנעהמען אינם פּיעראַצקי־מאָרד אויף [...]טשטראָף, וואָס איז אויפ׳ן גרונד פון דער אַמ[נעס]טיע, פערביטען געוואָרען אויף אייביגע טורמע, [...] נאָכ׳ן פעראייניגען ביידע אורטיילען, איז באַנ[דער]א פעראורטיילט געוואָרען אויף **אייביגע טור[מע או]ן מיטן פערלירען אַלע רעכט.**
מיקאָלאַי לעבעד און **יאַראָסלאַוו קאַפּ[...]**[...]עך האָבען בעקומען דעם זעלבען פּסק־דין, וואָס [באַנ]דעראַ.
[ד]י בעשולדיגטע דאַריאַ הנאַטקיווסקאַ האָט פאַרן געהערען צו א. או. נ. בעקומען 10 יאָהר טורמע, וואָס איז איהר, אויפ׳ן גרונד פון דער אַמנעסטיע, פערקלענערט געוואָרען אויף 6 יאָהר מיט 8 חדשים און פאַרן בעטייליגען זיך אינם מאָרד — 15 יאָהר. בסך הכל 15 **יאָהר טורמע** מיט פערלירען די רעכט אויף 10 יאָהר.
מיקאָלאַי קלימישין פאַר געהערען צו א. או. נ. אויף 15 יאָהר טורמע און פאַרן אַנטיילנעהמען אין מאָרד אויף אייביגע טורמע, צוזאַמען — אייביגע טורמע.
דעמזעלבען פּסק־דין האָט בעקומען **באָהדאַן פּידהייני**.
דער בעשולדיגטער **יאַן מאַלוצאַ** האָט פאַרן געהערען צו א. או. נ. בעקומען 12 יאָהר טורמע, און פאַר דער בעטייליגונג אין מאָרד 12 יאָהר, צוזאַמען — 12 יאָהר טורמע מיט׳ן פערלירען די רעכט אויף 10 יאָהר.
דער בעשולדיגטער **יאַקוב טשאַרני** פאַרן געהערען צו א. או. נ. 8 יאָהר טורמע (אויפ׳ן גרונד פון דער אַמנעסטיע — פערקלענערט אויף 5 יאָהר מיט 5 חדשים) און פאַרן אַנטיילנעמען אין מאָרד 5 יאָהר (צוליב אַמנעסטיע 2 מיט א האַלב יאָהר), צוזאַמען 7 **יאָהר טורמע** מיט פערלירען זיינע רעכט אויף 10 יאָהר.
עוגעניוש קאַטשמאַרסקי פאַרן געהערען צו א. או. נ. אויף 12 יאָהר טורמע און פאַרן אַנטייל אין מאָרד 5 יאָהר (מחמת אַמנעסטיע — 2 און האַלב יאָהר) צוזאַמען — 12 יאָהר טורמע מיט׳ן פערלירען זיינע בירגער־רעכט אויף 10 יאָהר.
דער בעשולדיגטער **ראָמאַן מיהאַל** פאַרן געהערען צו א. או. א. 12 יאָהר, פאַר׳ן בעטייליגען זיך אינם מאָרד 5 יאָהר (צוליב אַמנעסטיע, פערקלענערט אויף דריטהאַלבען יאָהר), צוזאַמען 12 יאָהר, מיט׳ן פערלירען זיינע בירגער־רעכט אויף 10 יאָהר.
קאַטאַזשינאַ זאַריצקאַ פאַרן געהערען צו א. או. נ. 9 יאָהר (אויפ׳ן גרונד פון אַמנעסטיע — 6 יאָהר) און פאַרן העלפען דעם מערדער צו אַנטלויפען 5 יאָהר (מחמת אַמנעסטיע — 2 א האַלב), צוזאַמען — 8 יאָהר טורמע מיט׳ן פערלירען די רעכט אויף 10 יאָהר.
דער בעשולדיגטער **יאַראָסלאַוו ראַק** פאַר׳ן געהערען צו א. או. א. אויף 8 יאָהר טורמע (מחמת אַמנעסטיע פערקלענערט 5 יאָהר מיט 4 חדשים) און פאַרן העלפען דעם מערדער אַנטלויפען 5 יאָהר טורמע (צוליב אַמנעסטיע — דריטהאַלבען יאָהר), צוזאַמען — 7 יאָהר טורמע מיט׳ן פערלירען די בירגער־רעכט אויף 10 יאָהר.

טאָג - טעגליך

באַרבאַרען און בלאָף

סיי אין מעשים פון די קליינע, סיי אין מעשים [פון] איצטיגע גרויסע עולם־הזה־פּאָטענטאַטען האָט [...] פולשטענדיגער איינגעבירגערט דער בעקאַנטער [...]פט דעם גנב־סיסטעם", ווען דער פערברעכער [...]ט זיך צונויף מיט׳ן המון, און שרייט מיט אימ[...], מיט טעמפּעראַמענט און — שפּעטער — שוין [...] אויטאָסוגעסטיווער עקזאַלטאַציע „כאַפּט דעם [...]"
[...]בעזונדערס ווערט דער דאָזיגער סיסטעם און [...]כטיגונגס־מיטעל איצט אין פערשידענע אופנים [...]ווענדעט דורך דעם פאַשיסטישען און דעם נא[צי]ען רעזשים, וואָס צווישען זיי איז דאָך פאַרהאַן [...]טיקעל „להבדיל" —
להבדיל בין טמא וטמא...
דער פאַשיזם און נאַציזם ווייסט [...] גוט, אַז די ביז־איצטיגע קולטור און צי[וויל]יזאַציע, ווי אויך די פאַר־אַלע מענשען און פעל[קער]גילטיגע עטיק וועט זיי נישט שאַנעווען, און [...] פאַר זייערע מלוכה׳שע מעשים תעתועים און [...]נטוריעס די לאַנג־פעסטגעשטעלטע פאַסענדע [...]יכנונג — מישען זיי זיך אַריין אין דעם אויפ[...]כטען, דערצערנטען, פון אַלע כלים אַרויסגע[...]נטען המון, און פילדערן:
— גרויל־פּראָפּאַגאַנדע! באַרבאַרען!
[...]ער גנב אַפּערירט אויך דאָ מיט דער גאַנצער [...]נקייט זיינער מיט׳ן „גאַנצען זיכער", און זיי[...] פאַקטאָרען, וואָס זענען אין דער גאַנצער שרעק[...] טראַגעדיע פון אונזער כאַאָטישער געגענוואַרט [...] פלוציג פעראינטערעסירט, און פאַר וועלכער [... ג]אַנצער ענין איז „גאַנץ פאַמאַרע" — אָטאָ די [...]ע זייטיגע פאַקטאָרען ווערען סיי בפירוש סיי [...] אַריינגעפירט אין א צווייפלען:
— און אפשר זענען טאַקע געוועבט די איטאַל[יענ]ער, וואָס געפינען זיך נעביך אין א מעריטאָריא[...]לעם, און געהען קולטיווירען א גרויסען וויל[דען] שטח פונם ערד־קויל אין מזרח־אַפריקע, וואָס [...]עוואוינט פון ווילדע, באַרבאַרישע שבטים...
[...]אין די פאַשיסטען שטעלען דערביי אָן א מינע [...]א קאָזאַק הנגזל — ס׳טייטש מען געהט זיי שעכ[טען]!
— און, אין דער ערשטער רייהע געהט מען [...]טעל זיך טוקם זיין אין דער „באַרבאַראַ ראָמי[...]" (די באַרבאַרישע מאַכט) פון די פרעמדע השפּ[עה]און פרעמדווערטער אין דער איטאַליענישער [...]אַך...
אזוי זענען איצט צוליב פעם אויף ענגלאַנד אוי[סגעפ]ענדערט געוואָרען אַלע „פרעמדע" נעמען פון [...]ן, פלעצער, האָטעלען אין איטאַליען, און אזוי [...]ן איצט מיט דער גאַנצער ריקוויכטסלאָזיגקייט [...]סגעוואָרפען די פרעמדווערטער, און צווישען זיי [...]לכע ווי „בלאָף", „פלירט", „ספּלין" א. א.
[...]ראָמע באַרבאַרען, ווי וועלען זיי זיך בעגיין אָהן [...] בלאָף?!

מ.

צו אונזערע לעזער!

פרייטאָג הויבט זיך אָן דרוקען אין
„נייעם פאָלקסבלאַט"
א ליטעראַריש־קינסטלערישער **ראָמאַן**
פון בעריהמטען יודישען שריפטשטעלער און דיכטער
ל. מלאך

„נייער פאָלקסבלאַט" האָט די איינציגע רעכט צו דרוקען אין לאָדז די ליטעראַרישע אַרבייטען פון דיכטער ל. מלאך, וועלכער איז אין זיין שרייבען קינסטלעריש, אָריגינעל און אייגנאַרטיג.

דימיסיע פון גרודזשאַנזער סטאַראָסטע

אין שייכות מיט דער לעצטער רעדע פון דעפּ. מינצבערג

וואַרשא, 13 (טעלעפאָניש)
אין שייכות מיט דער רעדע פון דעפּ. מינצבערג אין דער בודזשעט־קאָמיסיע ביים סיים וועגען גרודזשאָנדזער סטאַראָסטאַ, מיט וועמענס וויסען עס זענען דורך דער שטעטישער פּיירלעשער קאָמאַנדאָ פאַר די חגאות אַרויסגעהאָנגען געוואָרען גרויסע טראַנספּאַרענטען מיט דער אויפשריפט „ניץ או זשידאָ", דערוויסען מיר זאָך, אַז נאָכדעם ווי דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט זיך איבערצייגט, אַז אזוי איז ווירקליך געווען, איז היינט אונטערגעשריבען געוואָרען די דעמיסיע פון גרודזשאָנדזער סטאַראָסטע.
גלייכצייטיג דערוויסט מען זיך, אַז עס האָט אויך בעקומען דימיסיע דער פּאָוויאַטאָווע פּאָליציי־קאָמענדאַנט פון אָפּאַטשנע.

גרויסע קאָנפערענץ

מיט פערטרעטער פון יוד. אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס אין א״י ווערט צוזאַמענגערופען קיין לאָנדאָן

לאָנדאָן, 13 (יט״א טעלעגראַפיש)
אויף דער קאָנפערענץ פון פערטרעטער פון יודישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אין ענגלאַנד, אויף וועלכער ס׳איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען א צוזאַמענאַרבייט פון די יודישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד פאַר דער יודישער אַרבייטער־בעוועגונג אין ארץ־ישראל, איז געשאַפען געוואָרען אַן אָרגאַניזיר־קאָמיסיע מיט דער אויפגאַבע, צוזאַמענצורופען א גרויסע קאָנפערענץ צוזאַמען מיט פערטרעטער פון ארץ־ישראל.
אויף דער קאָנפערענץ, האָט דער פאָרשטעהער פון דער ציונ. עקזעקוטיווע בעריל לאָקער געהאַלטען א רעדע וועגען דער 15 יעהריגער טעטיגקייט פון „הסתדרות".

אוידיענץ פון ראַבי סטיפען ווייז

ביים פרעזידענט רוזוועלט אין „ווייסען הויז"

די סעמיועל־דעלעגאַציע פאָהרט אָפּ דעם 15־טען ד. ח. קיין אַמעריקע

וואַשינגטאָן, 13 (יט״א טעלעגראַפיש)
פּרעזידענט רוזוועלט האָט אויפגענומען אין „ווייסען הויז" אויף אַן אוידיענץ דעם פּרעז. פון יוד. אַמעריקאַנישען קאָמיטעט ראַבי סטיפען ווייז, וועלכער האָט דעם פּרעזידענט אינפאָרמירט וועגען א רייהע וויכטיגע יודישע אַנגעלעגענהייטען.
פּרעזידענט רוזוועלט האָט אויסגעדריקט זיינע סימפּאַטיעס פאַר די פּלענער פון דער יודישער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל. דער הויפּט האָט ער זיך פעראינטערעסירט מיט דער אויפגאַבע פון דער סעמיועל־דעלעגאַציע, וועלכע פאָהרט אָפּ דעם 15־טען ד. ח. קיין אַמעריקאַ, און וועט אין משך פון 10 טעג, פיהרען געשפּרעכען מיט פאָרשטעהער פון פערשיעדענע קרייזען אין אַמעריקע.

אונזער וואָרט

הייליגע צביעות...

דאָס רעזיגנירען פון דזשעמס מאַקדאָנאַלד׳ן, די רעאַקציע דערויף אין דער ענגלישער פּרעסע, דער געפּלאַנטער אַרויספאָהר פון דער יודישער דעלעגאַציע קיין אַמעריקאַ, און די ערנסטע קלאַנגען וועגען אַן אינטערווענץ פון דער פעלקער־ליגע וועגען דער לאַגע פון די דייטשע יודען — דאָס אַלץ האָט געהאַט א ווידערקלאַנג אינם נאַצי־רייך, און, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, קומט איצט פאַר א חילוקי דעות אין די דייטשע רעגירונגס־ספערען:
פון איין זייט שטעהען די אָנהענגער פון דער ספּעציפיש־דייטשער מעטאָדישקייט מיט זייער „להשמיד, להרוג ולאבד", ד. ה., אַז די אויסראָטונג פון די יודען אין זייער „דריטען רייך" דאַרף אַדורכגעפיהרט ווערען מיט אַן אייזערנער קאָנסעקווענץ, און פון דער אַנדערער זייט שטייען די אָנהענגער פון אויב נישט איינגאַנצען מיושב׳דיגער, איז דאָך „קלענערער פערנופט" און וועלכע מיינען, אַז די מאַסען עמיגראַציע פון די דייטשע יודען וועט ברענגען דאָס זעלבע „דריטע רייך" צו א פולשטענדיגער עקאָנאָמישער און ממילא אויך פולשטענדיגער רואין.
כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דערביי, אַז בעת עס טוט זיך אַזאַ „קאָך", און עס פיהרט זיך אַזאַ אינערליכער פּרינציפּען־קאַמף אין די אָנפיהרענדע קרייזען, מאַכט זיך די „עפענטליכע מיינונג" ווי דער שטייגער איז דאָרטען איינגאַנצען תמ׳עוואַטע.
עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די דייטשע פּרעסע וואָלט געעפענט גרויסע אויגען און זיך געמאַכט איינגאַנצען נאַאיוו.
די זשורנאַליסטישע גרעטכען ווייסט נעבעך נישט פון קיין פּותר און קיין חלום, און אזוי למשל, בעהויפּטעט די „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־קאָרעספּאָנדענץ", אַז די יודען ווערען בכלל נישט אַרויסגעטריבען פון פאָטערלאַנד און אַז אויב — זיי, די יודען, עמיגרירען טוען זיי עס פונם אייגענעם ווילען...
ס׳הייסט פּראָסט פּשוט, די יודען לעבען איצט אין דייטשלאַנד, ווי גאָט אין פראַנקרייך, און קיינער טשעפּעט זיי חלילה נישט — א האָהר פאַלט נישט אַרונטער פון זייערע קעפּ, און טאָמער פאָהרען זיי, אָדער ווילען פון דאָרט אַוועקפאָהרען, טוען זיי עס פון זייער אייגענעם ווילען, אַוודאי מחמת דער יודישער תשוקה און דעם יודישען כאַראַקטער, וועלכען עס ציהט צו וואַנדערן און וואַגלען.
דאָס, וואָס מען גליהט אונטער יודען דאָרט די ערד, און די הימלען פייערן מיט האַס און שנאה — דאָס איז גאָרנישט. אָבער — טרייבען... ווער טרייבט זיי דען?
יאָ, עס איז ווייזט אויס א צייט, ווען „סאַנקטאַ סימפּליציטאַס" מיינט נישט הייליגע צניעות, נאָר — הייליגע צביעות!

ב.

דעקרעט=פּראָיעקט פון מלוכה=פּרעזידענט

וועגן ענדערען דעם מלוכה'שען אינדוסטריע-שטייער און שטעמפּעל-אָפּצאָהלען

בעשטעטיגט דורכ'ן מיניסטאַרען-ראַט

וואַרשאַ, 13 (טעלעפאָניש)
היינט איז, אונטערן פאָרזיץ פונ'ם פּרעמיער זינדראַם-קאָשטשאַלקאָווסקי פאָרגעקומען אַ זיצונג פונ'ם מיניסטאָרען-ראַט.

עס זענען בעהאַנדעלט געוואָרען די לעצטע דעקרעט-פּראָיעקטען פונ'ם מלוכה-פּרעזידענט, וועלכע וועלען אַרויסגעגעבען ווערען אויפ'ן יסוד פון דעם 15 ד. ח. בטל-ווערענדע פולמאַכטען, וואָס זענען דורכ'ן סיים און סענאַט ערטיילט געוואָרען פאַר דער רעגירונג.

צ. אַ. האָט דער מיניסטאָרען-ראַט בעשטעטיגט דעם דעקרעט-פּראָיעקט פונ'ם מלוכה-פּרעזידענט וועגען דער ענדערונג פון געוויסע פאָרשריפטען, וואָס זענען נוגע דעם מלוכה'שען אינדוסטריע-שטייער און שטעמפּעל-אָפּצאָהלען. דורך דעם דאָזיגען דעקרעט ענטשטייט אַ פולשטענדיג נייע, בעדייטענד פאַר איינפאַכטע קאָנסטרוקציע פון אויסמעסטען דעם אינדוסטריע-שטייער (פאַר די, וואָס פיהרען האַנדעלס-ביכער — 1 פּראָצענט; פאַר די, וואָס פיהרען נישט קיין האַנדעלס-ביכער 1,7 פּראָצענט, און פאַר אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען — 2 פּראָצענט) און שטעמפּעל-אָפּצאָהל.

עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען אַ דעקרעט-פּראָיעקט פונ'ם מלוכה-פּרעזידענט וועגען שיצען די אינטערעסען פון דער פּוילישער מלוכה און איהרע בירגער אין די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען.

וואַרשאַ, 13 (טעלעפאָניש)
אויף דער שבת'דיגער זיצונג פונ'ם מיניס-טאַרען-ראַט איז בעשלאָסען געוואָרען פאָרצולייגען דעם מלוכה-פּרעזידענט אַ דעקרעט-פּראָיעקט וועגען רעדוצירען די אָפּצאָהלען אין די עמעריטאַל-פאַר-זיכערונג פון אַרבייטער פיזישע און גייסטיגע אויף אַ צייט פון 2 יאָהר.

געשלאָסען דער אַלפּוילישער צוזאַמענפאָר

פון די יודישע קליינהענדלער=פאַראיינען

וואַרשאַ, 13 (טעלעפאָניש)
היינט האָט זיך געשלאָסען דער קליינהענדלער-צוזאַמענפאָהר.

אינם פּרעזידיום, וואָס איז געוועהלט געוואָרען אינגהערפריה זענען אַריין פון לאָדז: סטנאָל און אינם פּערמאַנענט-אויסשוס די לאָדזער: כּארי און וואָלמאַן.

אין משך פון טאָג איז בריוט דיסקוטירט געוואָ-רען די ביז-איצטיגע און ווייטערדיגע טעטיגקייט פון דער עקזעקוטיווע.

עס זענען אַרויסגערוקט געוואָרען פאָדערונגען צו בעמיהען זיך וועגען דער פאַרקלענערונג פון אָפּ-צאָהל פאַטענטען, וועגען דעם, עס זאָלען אַרונטער-גענומען ווערען אונטערן לאַקאַטאָרען-שוץ די קליי-נע געוועלבער.

אין דער דיסקוסיע האָבען זיך בעטייליגט אַ רייה לאָדזער דעלעגאַטען.

בכלל האָט לאָדז גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אינם צוזאַמענפאָהר.

רעדעס האָבען געהאַלטען די לאָדזער דעלעגאַטען: מינץ, פּריס, ראָזענבערג, האָפּערמאַן א. א.

אין אָוונד איז געפיהרט געוואָרען ווייטער די דיסקוסיע. עס האָבען גערעדט די לאָדזער: יאַבלאָנ-סקי, זילבערשטיין, וואָלמאַן.

שפּעטער איז אָנגענומען געוואָרען אַ גאַנצע רייה רעזאָלוציעס און צ. אַ. וועגען קאַמף געגען דער אַנ-טיסעמיטישער העצע, וואָס רואינירט די יודישע בע-פעלקערונג, וועלכע אַרבייט צוזאַמען מיט אַלע ביר-גער פאַרן וואוהל פון לאַנד.

דער צוזאַמענפאָהר ווענדט זיך צו דער רעגירונג מיט דער בקשה, אַז זי זאָל נעהמען אין שוץ די יו-דישע בעפעלקערונג.

אויך איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע, אַז דער צוזאַמענפאָהר פּראָטעסטירט די נירנבערגער געזעצען, איז געגען די פערפאָלגונגען פון פוילישע יודען אין דייטשלאַנד, און פאָדערן-אויף די קליינ-הענדלער ווייטער צו פיהרען דעם אָפּוועהר-קאַמף.

שפּעט אין אָוונד איז געוועהלט געוואָרען אַ נייע עקזעקוטיווע און אַ צ. ק.

אין צ. ק. זענען אַריין פון לאָדז: כּארי און וואָלמאַן.

דאָס פּרעזידיום האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף אַזאַ אופן, אַז פּרעזעס איז העיבער פון קאַליש, און וויצע-פּרעזעס כּארי פון לאָדז.

Dr. med.
HALTRECHT
ספּעציעל-אַרצט פאַר הויט-, געשלעכטס-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21
נעהמט אָן פון 8 פריה ביז 2 מיטאָג און פון 5 ביז 9 אָוו.
זונטאָג פון 10—1 בייטאָג. אַלע אַרט אַנאַליזען
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פּרייזן
אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

SP. BANK HANDLOWO-PRZEMYSŁOWY w ŁODZI,
Sp. z ogr. odp.
פריהער גאַוואַמיעסקאַ 4, איז דערמיט מודיע, דאָס פון היינט דעם 14/1 איז אונזער באַנק איבערגעטראַגען געוואָרען אינ'ם נייעם פּראַנט=לאָקאַל
אויף 6 פּיעטריקאָווער 6 טעל. 246=95, 249=39
אונזער באַנק ערלעדיגט אַלער אַרט באַנק=אָפּעראַציעס ווי אינקאַסאָ, דיסקאָנטאָ, ליט חשבונות, פקדונות, פיהרט אויס אַלעס מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיגקייט און פּינקטליכקייט.
קויף און פערקויף פון אַלערליי ווערט=פּאַפּירען! ביוראָ-שעה'ן פון 9 ביז 2 און פון 4 ביז 6 אָוונד.

געז. „קולטור ליגע"
זאַל פילהאַרמאָניע
היינט, דינסטאָג, דעם 14 יאַנואַר ה. י. 8.30 אָוונט קומט פאָר
אַ גרויסער קאָנצערט פון פאָלקס=כאָר
אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. רידער
אין דעם פולשטענדיג נייעם פּראָגראַם נעהמען אַריין ווערק פון הענדעל, היידען, באַראַדין, שייפער, ווײַנער, נעלבאַרט א. אנד.
אויסערדעם וועט אויפטרעטען מיט אַ פידעל-קאָנצערט די בעקאַנטע פידלערין
בראָניסלאַווא ראָטשטאַט ◆
בילעטען צום פּרייז פון 54 גר. אָן שוין צו בעקומען אין סעקרעטאַריאַט פון דער געז. „קולטור-ליגע", זאַכאָדניאַ 68, יעדען טאָג פון 11 ביז 2 און פון 5 ביז 10 אָוונד.

היינט, 9 אין אָוונד קומט פאָר אין ל' קאַל פון „זשע יזקא" — דער
חיים סעמיאַטיצקי=אָוונד
מיט דער בעטייליגונג פון: יצחק קאַ-צענעלסאָן, משה בראָדערזאָן און ישׂראל ראַבאָן.

„תּומכי-אורחים"
פּאָמאָרסקאַ 18, טעל. 266-31
מיר טיילען מיט, דאָס אין פעראיינס-קאַנצעלאַריע אַמטירט
אַן אַדוואָקאַט
יעדען מאָנטאָג און מיטוואָך פון 8 ביז 9 30 אָוונט און ערטיילט
יורידישע עצות
פאַר מיטגלידער, שפענדער פון אונזער אינסטיטוציע און פאַר אונפערמעגליכע — נעמצליך אומזיסט.
אַ מינימאַלען אָפּצאָהל ווערט גענומען פאַר דורכפיהרען פּראָצעסען.
נגמערן צום אַדוואָקאַט ווערען אַרויסגעגעבען פון 5—7 אָוונד.
די פערוואַלטונג.

פאַר גאַלד,
בריזשוטעריע
און לאָמבאַרד-קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
אליזאַר סיאַלקאַ
פּיעטריקאָווער 7.

Dr. med.
A. Banasz
כירורג - אוראָלאָג
Wólcz-ńska 23, tel. 139-88
האָט בעניייט די אויפנאַהמען.
נעהמט אָן פון 4—6 נאָכמיטאָג.

דעם טיפסטען בייליד דריקט אויס דער שווער-געטראָ-פענער מוהמע און קוזינס צום טויט פון זייער ליבען מאַן און פאָטער
משה ליפשיץ נ"ע
זייט געטרייסט!
פאַמיליע שמייער.

Dr. med.
Aleksander FOKSZAŃSKI
כירורג
נעמט איצט אָן אין דער לעטשניצע „POMOC", דימאַנאָווסקי 1 (רוג באַלוטער אַלטן) פון 11 ביז 1.
טעל. 101-29.
פּריוואַט-וואוינונג פּעטריקאָווער 101
פון 5—7 אָוונט. טעל. 210-7[illegible]
פאַר אַרבעטסלאָזע — הנחה.

אויערען, נאָז און האַלז קליניק
מיט בעטען פון
Dr.
Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67. טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועקס אָפּעראַציע א. אז. וו. ווי אויך אַמבולאַטאָ-רישעם פון 9-2 און פון 4-8 אָוונט.

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פאַר לונגען, האַרץ און סקלעראָז קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 145
טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9-10 פריה, 3-5, 8-9 אָוו.

גרויסע הנחות בײַ שטשענשליווי
אַ גרויסער אויסוואַהל פון
אָריגינעלע בילליגער און טאָמאַשאָווער סחורות
אויף אַנציגער און פאַלטענס
פון די בעסטע קוואַליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען
מיט 30% בילליגער
קומט און איבערצייגט אייך!
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 גאַוואַמיעסקאַ 5
טעל. 156-09.
געדענקט פּראַנט II שטאָק.

דער שווערגעטראָפענער
פאַמיליע פריימאַן
צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער ליבע טאָכטער
מאַלאַ נ"ע
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל
הערש גראָסמאַן
און פאַמיליע.

וויכטיג פאַר פאַבריקאַנטען און האַנדווערקער!
שווייסונגען,
מאַשינען-טיילען
און רעפּעראַטורען
פיהרט אויס בילליג
די מעכאַנישע שלאָסערײַ
י. רעדער
לאָדז, 11. ליסטאָפּאַדאַ 11/13
(רוג זאַכאָדניאַ)

Dr. med.
A. STILLER
אינערליכע קראַנקהייטען
נעהמט אָן פון 4-8
פּילסודסקיעגאָ 15,
טעל. 206 75, פּראַנט, 2. שטאָק

צאָהן=אַרצט
העלענאַ האַלפּערן
נאַרוטאָוויטשאַ 2,
טעל. 170=96.
נעהמט אָן פון 10-1 און פון 4-7 אָוונט.

אין גיכען ערשיינט דער
„לאָדזער שפּיגעל"
אילוסטרירטער ליטעראַריש-סאַטירישער וואָכענבלאַט פאַר'ן כלל=ישׂראל
דעם „לאָדזער שפּיגעל" וועט מען בעקומען אין אַלע קיאָסקען, ווי אויך אויף דער גאַנצער פּראָווינץ.

אונזער ח' מיטגליד
ה' יוסף פריימאַן
צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכע טאָכטער
מאַלאַ נ"ע
דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.
המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג פון
צייטונגס-פערקויפער=פאַראיין
ביי „פועלי אגודת ישׂראל"

זיצונג פון ענגלישען שוץ=קאמיטעט

היינט — וויכטיגע זיצונג פון פראנצויזישען מיניסטארען=ראט

לאָנדאָן, 13 (ספ. טעל.)
די חנאות־הפסקה אין דער. טעטינקייט פונם בריטישען קאבינעט האָט זיך היינט פערענדיגט.

די פאָרמעלע זיצונג פונם גאנצען קאבינעט וועט פאָרקומען ערשט מיטוואָך. היינט בייטאָג איז שוין אָבער פאָרגעקומען, אונטערן פאָרזיץ פונם פרעמיער באַלדווין די זיצונג פונם אַזוי גערופענעם פערטיידיגונגס־קאָמיטעט, אין וועלכער עס האָבען אָנטייל גענומען דער וויצע־פרעמיער מאַקדאָנאַלד, דער אויסערן מיניסטער אידען, דער אדמיראליציע־מיניסטער, דער לופטפליה־מיניסטער דער קריגס־מיניסטער, דער פינאנץ־קאנצלער און האנדעלס־מיניסטער.

די בעראטונג איז גווע געווען דער אלגעמיינער פערטיידיגונגס - סיטואציע אין שייכות מיט דער זיצונג פונם פעלקער־ליגע ראט און דער פערברייטערונגס־שווענטואליטעט פון די ביז־איצט אָנגעווענדעטע סאנקציעס.

אויף דער מיטוואָכ'דיגער זיצונג פון קאבינעט וועט בעטראכט ווערען א ריה פראגען, ווי: איטאליעניש - אביסינישער קאָנפליקט, ענין־דאנציג (וועלכער וועט דיסקוטירט ווערען אין דער פעלקער־ליגע), ענין־עגיפטען, די סיטואציע אין דער קוילען־אינדוסטריע, און די פראגע פונם סחורות־קרעדיט פאר ראטען־פערבאנד.

דער קאבינעט וועט אויך פעסטשטעלען די אינסטרוקציעס פארן מינ. אידען וועגען אלע ענינים, וואס וועלען בעהאנדעלט ווערען אין זשענעווע.

פּאַריז, 13 (ספ. טעל.)
אין עליזעאישען פאלאַץ וועט מאָרגען, אונטערן פאָרזיץ פון פרעזידענט לעבּרען פאָרקומען א זיצונג פון מיניסטאָרען־ראַט, ערב דעם אָנהויב פון די פּאַרלאַמענט־בעראַטונגען.

די רעגירונגס־מיטגלידער וועלען צ. אַ. ארומרעדען די פּאָליטישע לאַגע, דיפינאנציעלע, און די אויסערן־פּאָליטיק.

דער פּרעמיער לאַוואַל, וועלכער פאָהרט ארויס דעם 19 ד. ח. קיין זשענעווע, האָט בדעה צו בעקענען די מיטגלידער פונם קאבינעט מיט דער פּאָליטיק בנוגע דעם איטאַליעניש - אביסינישען קאָנפליקט, וואָס ער האָט בדעה צו פיהרען מיט דער פעלקער־ליגע.

לעצטע דעפּעשען

וואַרשאַ, 13 (טעלעפאָניש)
היינט, מאָנטאָג אינדערפריה האָט זיך געענדיגט די זיצונג פון מזרחיסטישען פּאַרטיי־ראַט.

צ. אַ. איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע וועגען אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגען, וועגען עליה א. אַנד.

עס איז אויך אָנגענומען געוואָרען אַ שאַרפע רעזאָלוציע געגען דעם פּלאַן פון אַ לעגיסלאַטיוו־ראַט.

וואַרשאַ, 13 (טעלעפאָניש)
אונטערן פאָרזיץ פון פרעזעס ד"ר העגריק גרובער איז פאָרגעקומען א זיצונג פון אָנפיהרונגס־ראַט ביי דער פּ. ק. אָ., וועלכע האָט נאָכ'ן אויסהערען א בעריכט פון דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע בעשטעטיגט דעם בילאַנס פון פּ. ק. אָ. פאַרן יאָהר 1935, וואָס שליסט זיך מיט א ריינעם ריווח פון 5,862,436 זלאָטעס מיט 10 גראָשען.

ירושלים, 13 (יט"א טעלעגראַפיש)
דער יודישער זשורנאַליסטען־פערבאַנד האָט איינגעאָרדענט אַן אויפנאַמע פאַר דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. אין דער אויפנאַמע האָט זיך אויך בעטייליגט פרעז. חיים ווייצמאַן און בן גריון.

נאָך אַ רייהע פראַגען, וואָס ס'האָבען געשטעלט די פאָרשטעהער פון זשורנאַליסטען־פערבאַנד, האָבען געענטפערט: פרעז. ווייצמאַן, בן גריון און יצחק גרינבוים.

וואַרשאַ, 13 (יט"א טעלעפאָניש)
די „תרבות"־אָפּטיילונג אין לודאמיר, האָט בעקומען אַ קאָנצעסיע אויף אַ לאַנדווירטשאַפטליכע שול מיט דער העבּרעאישער אונטעריכט־שפּראַך.

רוים, 13 (ספ. טעל.)
די דריי איטאַליענישע לופט־פליהער, וועלכע האָבען געהערט צו דער „דיספּעראַטאַ"־עסקאַדרע, די פּאָרוטשניקעס לאַנצאַ און אסטיני און דער שיער־זשאַנט באַרינאַ, זענען ארונטערגעפאַלען צוזאַמען מיט זייער באָמבאַרדיר - עראָפּלאַן און זענען דערהרגעט געוואָרען אויפ'ן אָרט.

באַגאַטאַ, 13 (ספ. טעל.)
די אַלגעמיינע צאָהל קרבּנות פון דער ערדציטערניש אינ'ם דעפּאַרטאַמענט נאַריניא יאַקעלט זיך צווישען 250 און 300.

קאַנטאָן, 13 (ספ. טעל.)
מחמת אַ רייהע צוזאַמענשטויסען צווישען די סטודענטען פון פערשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען, האָט די שטאָטישע מאַכט פּראָקלאַמירט בעלאַגערונגס־צושטאַנד, און אויף אַ טאָג געשלאָסען די הויכשולען.

בערלין, 13 (ספ. טעל.)
אין אַ רעדע, וואָס דער אינערן־מיניסטער פריק האָט היינט געהאַלטען אין וואָרדבורג (סאַאַר־געביט) וועגען דעם צוריקקעהר פון סאַאַר־געביט פאַר דייטשלאַנד, האָט ער צום סוף געזאָגט: „אונזער גרעסט גליק איז, וואָס מיר זענען דייטשען, און וואָס מיר האָבען היטלערן".

ניו־יאָרק, 13 (ספ. טעל.)
נעבען אַסטאַריא אינ'ם שטאָט אָרעגאָן איז דערטרונקען געוואָרען דער אַמעריקאַנישער דאַמפער „יאיוא" צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט, וואָס איז בעשטאַנען פון 34 מאַן.

לאָנדאָן, 13 (ספ. טעל.)
דער וועלט־בעריהמטער ענגלישער שריפט - שטעלער רעדוואַרד קיפּלינג, וועלכער איז 70 יאָהר אַלט, איז שווער קראַנק געוואָרען, מ'האָט איהם געמאַכט אַן אָפּעראַציע.

בוקאַרעשט, 13 (ספ. טעל.)
דאָס געריכט האָט בעשטעטיגט דעם בעשלוס צו אַריינזעצען אין טורמע אורעלי יאַנעסקו', וועלכער האָט אַדורכגעפיהרט דעם אַטענטאַט אויפ'ן הרב הראשי פון בוקאַרעשט. יאַנעסקו האָט פאַר'ן געריכט איבערגעחזרט זיין דערקלערונג, אַז ער האָט געהאַנדעלט מחמת „אינספּיראַציע פון אַן'איבערערדישער קראַפט" (גיי, ווייס, אַז קוזיום איז אַ מלאכים־בעזוגונג!.. רעד.)

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווא 28. טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער - שוואַכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פון פּסיכאָ - אַנאַליזען
נעמט אָן פון 8—11 פון 5—8 אָוונט.
זונטאָג און חגאות פון 9—1

Doktór
Henrykowski
ספּעציעל - ארצט פאַר מענער - שוואַכע - בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג:
טראַוגוטאַ 9 טעל. 262-98
נעמט אָן פון 8—11 און פון 6—9 אָוונד.
זונטאָג פון 9 פריה ביז 12.30 ביי־טאָג

אויפ'ן איטאַליענישען אביסינישען פראנט

וואַרשאַ, 13 (טעלעפאָניש)
אויפ'ן יסוד פון ידיעות פון פערשידענע קוועלען וועגען דער לאַגע אויף די אביסינישע פראָנטען דעם 13 ד. ח. ווערט מיטגעטיילט אין א קאָמוניקאַט, אַז אויפ'ן צפון־פראָנט איז, חוץ דער טעטיגקייט פון די איטאַליענישע פאַטרולען, גאָרנישט וויכטיגעס פאָרגעקומען.

לויט ידיעות פון ענגלישע קוועלען, געפינט זיך די איניציאַטיווע אויפ'ן שטח פון מאַקאַלע אין די הענט פון די אַביסיניער. אויף דרום פון מאַקאַלע האָט אַן איטאַליענישע אָפּטיילונג צושלאָגען א גרופּע אַביסיניער, וואָס האָט עסקאָרטירט שפּיז פאַרן מיליטער.

פון אדיס אַבעבאַ טיילט מען מיט, אַז דעם 11 ד. ח. האָבען איטאַליענישע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט דאַבאַט; וואָס געפינט זיך 12 קילאָמעטער ווייט פון דער אַזורע טאַן. קיין קרבּנות אין מענשען איז נישט געווען.

פונם דרום־פראָנט טיילען מיט ענגלישע קוועלען, איז די אָפענסיווע פונם גענ. גראַשיטאַנא וועט זיך אָנהויבען א ליאַדע טאָג. די ריכטונג פון דער דאַזיגער אָפענסיווע איז דערווייל שווער פאָראויסצוזאָגען.

אדיס־אבעבא, 13 (ספ. טעל.)
די שטאָטישע מאַכט האָט פונאנדערגעקלעפּט פערארדנונגען וועגען פאַרזיכטס־מיטלען, וואָס דאַרפען אָנגענומען ווערען דורך דער בעפעלקערונג, בכדי צו פערזיכערן זיך פאַר לופט־פליה־אטאַקעס.

צי ווייסטו, אַז דאָס פּאַקען דערגעהרונגס=אַרטיקלען אין גענוצט פּאַפּיר
איז פערבאָטען לויט'ן געזעץ. ווייל ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען,
אַז גענוצט פּאַפּיר איז מייסטענס אַ פערשפרייטער פון געפעהרליכע קראַנקהייטען?
אין אייגענעם אינטערעס היט די פאָרשריפטען פון דעם געזעץ און פאָרלאַנג
צו פּאַקען דיינע איינקויפען אין נישט גענוצט ריין פּאַפּיר!

דעלעגאַציע פון די פּוילישע יודען אין דייטשלאַנד
פאָהרט די טעג אָפּ קיין וואַרשאַ

בערלין, 13 (יט"א טעלעגראַפיש)
די טעג פאָהרט אָפּ פון דייטשלאַנד קיין וואַרשאַ אַ פערטרעטער פון פּוילישע יודען אין דייטשלאַנד הר קאָרענפעלד, וועלכער וועט אינטערווענירען ביי די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען לטובת די יודען אין דייטשלאַנד, וואָס האָבען פערלוירען די פּוילישע בירגער־רעכט.

בּראַשור וועגען דזשעמס מאַקדאָנאַלד'ס רעזיגנאַציע

וואַרשאַ, 13 (יט"א טעלעפאָניש)
אויפ'ן ביכער־מאַרק האָט זיך בעוויזען אַ בּראַשור וועגען די סיבה פון דזשעמס מאַקדאָנאַלד'ס רעזיגנאַציע פון זיין אַמט אַלס הויך־קאָמיסאַר פאַר פליטים־ענינים ביים פעלקער־בונד.

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון צייהן און יאַסלעס
Piotrkowska 164 tel. 114-20.

גראַף העלדאָרף דריקט אויס בעדויערן
צוליב דער „געסטאַפּאָ"=רעוויזיע ביים יט"א=קאָרעספּאָנדענט

בערלין. (יט"א) דער אַמעריקאַנער קאָנסולאַט האָט זיך געווענדעט מיט אַ שריפטליכער אַנפראַגע צום בערלינער פּאָליציי־פּרעזידענט גראַף העלדאָרף וועגען דער אונאַנגענעמליכקייט, וואָס איז פּערשאַפט געוואָרען דורך דער „געסטאַפּאָ" דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער יט"א, באָריס סמאָלאַר אַלס ענטפער דערויף האָט דאָס פּאָליציי־פּרעזידיום אויסגעדריקט בעדויערן איבער'ן אינצידענט און פעסטגעשטעלט, אַז די רעוויזיע ביים יט"א־קאָרעספּאָנדענט איז פאָרגעקומען עפּ"י טעות.

ניו־יאָרק. (יט"א) די גאַנצע ניו־יאָרקער, אַלגעמיינע און יודישע פּרעסע, האָט געבראַכט אויף דער ערשטער זייט די מעלדונג פון בערלין וועגען דער רעוויזיע, וואָס די „געסטאַפּאָ" האָט דורכגעפיהרט ביים יט"א־קאָרעספּאָנדענט אין בערלין, רעד. ב. סמאָלאַר.

דער רעפּערענט פון אויסערן־פּאָליטישע אָנגעלעגענהייטען אין דער „ניו־יאָרק־פּאָסט", מר. לודוויג לאָר, בעהאַנדעלט דעם אינצידענט אין אַ־אַרטיקעל א. ט. „צו פיל אמת". לודוויג לאָר לויבט דעם פּרעסע־דינסט פון רעד. סמאָלאַר, וועלכען ער בעצייכענט אַלס „אמת־טרייען און מוטיגען קאָרעספּאָנדענט" און בעמערקט: „זיינע בעריכטען פון בערלין גיבען אַ טריי און אומפּאַרטייאיש בילד וועגען די געשעהענישען אין דייטשלאַנד. נישט איינמאָל האָט די נאַצי־מאַכט געפּרובט צו לייקענען און דיסקרעדיטירען די דאָזיגע בעריכטען. פאַר דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור און איהר בערלינער קאָרעספּאָנדענט איז עס אַ כבוד צו האָבען אויף זיך געצויגען די שנאה פון פּראָפּאַגאַנדאַ־מיניסטער געבעלס און פון גענעראַל געהרינג'ס „געסטאַפּאָ".

זעלבסטמאָרד אָדער מאָרד
געהיימנישפולער פאַל צווישען מאַן און ווייב

(א) נעכטען פאַרטאָגס איז אויף פּיאָטרקאָווסקאַ 17 פאָרגעקומען א בלוטיגע געהיימנישפולע טראַגעדיע.

די העלדען פון דער טראַגעדיע זענען געוועזען דאָס פּאָרפאָלק וואַנדאַ און סטעפאַן פּראַזשראַוסקי פון שאָפּענאַ 8. דאָס פּאָר־פאָלק האָט חתונה געהאַט מיט עטליכע וואָכען צוריק און זיי האָבען זיך שוין צווישען זיך געקריגט.

נעכטען פאַרטאָגס איז די פרוי פּראַזשעוסקאַ געגאַנגען צו דער אַרבּייט אין דער פאַבּריק פון אַלאַרט אויף קאָנטנאַ גאַס. מיט איהר איז מיטגעגאַנגען איהר מאַן. ווען זיי זענען געווען אויף פּיאָטרקאָווסקאַ גאַס איז צווישען זיי ענטשטאַנען א מחלוקה די פרוי האָט אַרויסגעכאַפּט א ראַזיר־מעסער, וועלכעס זי האָט ביי זיך געהאַט און זיך איבערגעשניטען דעם האַלז אויף אַזאַ אופן, אַז זי איז אויפ'ן אָרט געשטאָרבען.

די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט דערווייל פערהאַלטען דעם מאַן, ווייל ס'איז פאַרהאַן א חשד, אַז זיין ערצעהלונג וועגען דעם, אַז זיין פרוי איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט און ס'איז פאַרהאַן א מעגליכקייט אַז ס'איז בעגאַנגען געוואָרען אַ מאָרד.

פון דער לאָדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי — — — —	98.75
3 פּראָצענטיגע בודאָוולאַנע —	41.50
4 „ דאָלאַרובקאַ —	53.00
7 „ סטאַבּיליזאַציע (אמ.)	65.50
5 „ וואַרשאָווער ס.־ב. 1934	54.75
5 „ לאָדזער „	49.25
ענגלישער פונט — — —	26.19
דאָלאַר אָפיצ. — 5.27 נישט־אָפיציעל —	5.25
גאָלד־דאָלאַר — — —	9.04
גאָלד־רובל — — — —	4.77
דייטשער מאַרק — — —	1.27
פראַנק שווייצאַרישע — —	172,50

ראַדיאָ - פּראָגראַם

דינסטאָג, ד. 14-טען יאַנואַר

6.34 גימנאַסטיק, 6.50 פּליטען, 7.55 אינפאָרמאַציעס 8 אודיציע פאַר שולען, 11.57 צייט־סיגנאַל. 12.03 ידיעות. 12.15 אודיציע פאַר יונגערע קינדער. 12.30 מוזיק, 1.25 הויזווירטשאַפט, 1.35 לידער, 3.12 לאָדזער בערזע, 3.15 עקספּאָרט. 3.20 וואַרשאָווער בערזע, 3.30 מוזיק, 4 פון פּ. ק. אָ., 4.15 ווינטער־בילדער, 4.45 „גאַנץ פּוילען זינגט". 5 רעפעראַט. 5.15 קאָנצערט, 6 פּאַרטע - פּיאַן־קאָנצערט, 6.45 פּליטען, 7.20 רעקלאַמע־קאָנצערט, 7.35 ספּאָרט. 7.50 אַקטועלער שמועס, 8 מאָנאָלאָג. 8.10 סימפאָנישער קאָנצערט, 10.30 רעפעראַט פון דאָקטוירים, 10.45 רעציטאַציע, 11 ידיעות, קאָמוניקאַטען, 11.05 טאַנץ־מוזיק.

קלאַנג=קינאָ=טעאַטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26.
היינט און פאָלג. טעג!
גרויסער דאָפּעלטער שלאַגער=פּראָגראַם!
I
די מעלאָדישסטע קאָמעדיע
ווינער פּראָדוקציע א. נ.
דער הער אָהן אַ דירה
אין די הויפּטראָלען:
Herman Thimig, Hilda Wolston
Paweł Hurbiger, Leo Slezak
II
שענער פילם־ראָמאַנס מיט
JOSE MOJICA אין פילם א. נ.
„דאָס מיידעל פון די וואָלקענס"
ווי אויך די פענאָמענאַלע טענצערקע
ROSITA MORENO

טוריסטען־אָפּטיילונג ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע
צו דער נאָהנטער ימים־טובים און יריד סעזאָן אין דער טוריסטיק קיין א"י

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן דערנעהנטערען זיך פון די יודישע טראַדיציאָנעלע און נאַציאָנאַלע ימים־טובים (פּורים און פסח), וואָס ווערען אין ארץ־ישראל געפייערט מיט אַזוי פיל פּראַכט און אייגנאַרטיג יודישען סטיל, מערקט זיך אַ פערשטאַרקונג פון דער טוריסטישער בעוועגונג פון פּוילען קיין ארץ ישראל, אַ בעזונדערע ראָל שפּילט דאָ אויך דער פאָרשטעהענדער מזרח יריד אין ארץ ישראל, וועלכער ווערט היי־יאָהר אָרגאַניזירט אין גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. די בערוהיגונג און נאָרמאַליזירונג פון די ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען אין ארץ ישראל, נאָך אַ קורצע תקופה פון וואַקלונגען און אונזיכערהייט, ווירקען שטאַרק אויף דער ווידעראויפלעבונג און פערשטאַרקונג פון דער טוריסטישער בעוועגונג קיין ארץ־ישראל.

די אָבטיילונג פאַר ארץ ישראל טוריסטיק ביי דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז יעצט צוגעטרעטען איינצואָרדענען אַ רייהע אונטערנעהמונגען צום פאָרשטעהענדען טוריסטיק־סעזאָן. עס ווערט פאָרבערייט גרופּען אויספלוגען פון דער יודישער פאַך־אינטעליגענץ און ווירטשאַפטליכע קרייזען, ווי אויך אינדיווידועלע טוריסטישע אויספלוגען. עס ווערען געמאַכט אַלע בעמיהונגען צוטריטליך צו מאַכען פאַר די ברייטע יודישע קרייזען דאָס בעזוכען ארץ ישראל אין דער נאָהנטער תקופה אין לאַנד.

אַלע אינפאָרמאַציעס וועגען די בעפאָרשטעהענדע טוריסטען־רייזעס ערטיילט דאָס ביוראָ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (שרודמייסקאַ 29).

Dr. med. **H. LUBICZ**
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס־קראַנקהייטען
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43), טעלעפאָן 141-32
עמפאַנגס־שעה'ן 8-10, 12-2 און 5-8 אָוועטר

לויפען אדער בלייבען?

(צו דער פראגע פון די דייטשע יודען)

פון ד"ר א. גינזבורג

די „יודען-פראגע" איז נישט קיין יודישע פראגע. זי איז נישט געשאפען געווארען פון יודען פאר יודען. מיר וואלטען אוודאי געווען צופרידען, ווען די דאזיגע פראגע וואלט נישט עקזיסטירט. מיר וואלטען אוודאי געווען צופרידען, ווען די נישט-יודישע וועלט וואלט אונז בעטראכט אלס גלייך-בערעכטיגטע מענשען און נישט אלס אנ׳אויסנאהם צום ערגערען. די יודען-פראגע, פון איהר סאמע געבורט ביז היינטיגען טאג, איז נישט קיין יודישע, נאר א נישט-יודישע פראגע. די נישט-יודישע, די אזוי-גערופענע „גויעשע" וועלט, האט איהר געשאפען.

די נישט-יודישע וועלט האט די דאזיגע פראגע געשאפען און בלויז זי האט די מעגליכקייט איהר צו פארענטפערן אין איהר גאנצער ברייטקייט און אין איהר גאנצען פארנעהם. מיר אליין קענען גאנץ ווייניג טאן וועגען דעם. מיר זענען נישט אונזערע אייגענע באלעבאטים. אונזער שיקזאל ליגט אין זייערע הענט. אונזער ראלע מוז, צוליב אונזער שוואכקייט, זיין א פאסיווע. מיר, ווי אלע לעבעדיגע, ווילען ווייטער לעבען און מיר זוכען זיך צו ראטעווען, ווי מיר קענען. ווען מען טרייבט אונז פון איין פלאץ לויפען מיר אין א צווייטען, און ווען מען פאנגט אונז אן צו טרייבען פון דעם צווייטען לויפען מיר אין א דריטען. מיר האלטען שטענדיג אין איין לויפען, ווייל מען האלט אונז שטענדיג אין איין טרייבען. אוודאי איז אזא לויפעניש „נישט שעהן", אוודאי איז אזא לעבען מיזעראבעל, אבער אזוי האט שוין גאט אדער די נאטור געמאכט דעם מענשען. ער וויל לעבען אונטער אלע מעגליכע און אפילו אונמעגליכע אומשטענדען. „א לעבעדיגער הונט איז בעסער ווי א טויטער לייב" און „אלץ וואס א מענש האט, וועט ער געבען פאר זיין לעבען". אזוי איז א מענש, און מיר יודען זענען אויך נישט מעהר ווי מענשען. לויפען מיר, ווען מען טרייבט אונז; לויפען מיר, ווען מען יאגט אונז מיט בייטשען.

דאס לויפען איז אפשר נישט קיין „שעהנער" מיטעל. עס וואלט אפשר געווען שעהנער, ווען מיר בלייבען אויף אנ׳ארט און „קעמפען" — קעמפען ביז׳ן טויטערגאנג, קעמפען ווי שמשון הגבור: „תמות נפשי עם פלשתים". איז אבער די צרה, און אפשר דער גליק, וואס נישט אלע מענשען זענען שמשון-הגבור׳ס, נישט אלע זענען גאט-געזאלבטע העלדען.

דער געוועהנליכער שטערבליכער, איך, איהר און מיר אלע לויפט. ער לויפט, וואו די אויגען טראגען איהם, דער ערשטער אימפולס פון דעם שטערבליכען מענשען, ווי פון אלע אנדערע חיות, איז צו לויפען פון געפאהר. צו לויפען און זיך צו ראטעווען. דאס איז דער סוד פון לעבען, דאס איז די גבורה פון דעם לעבענס-אינסטינקט.

זאלען די „איבערנאטירליכע" מענשען, די „איבער-מענשען", די שמשון-הגבור׳ס, די וואס פיהלען זיך שטארק גענוג, — זאלען זיי בלייבען אויפ׳ן פלאץ און „קעמפען", אבער זאלען זיי צו אונז, פראסטע שטערבליכע, נישט קומען מיט זייערע העלדישע עצות. מיר זענען נישט קיין העלדען. מיר קענען נישט, מיר ווילען נישט און מיר וועלען זיי נישט פאלגען. עס איז איבער אונזערע כוחות!

דאס לויפען איז אפשר נישט קיין שעהנער מיטעל, אבער ער איז דער איינציגער, וואס מיר יודען פערמאגען. ער איז דער איינציג-אויסגעפרובירטער מיטעל, וואס מיר פערמאגען. שוין באלד נייצעהן הונדערט יאהר, ווי מיר האלטען אזוי אין ארומלויפען, ווייל שוין באלד נייצעהן הונדערט יאהר, ווי מען האלט אונז אזוי אין ארומיאגען, און, גאט צו דאנקען. מיר לעבען נאך. אמת, א צרה׳דיג לעבען, א חושב׳דיג לעבען, אבער דאך א לעבען. עס איז כמעט נישטא קיין איינציגע מדינה אין אייראפא פון וואנען מען זאל אונז נישט האבען געטריבען. מען האט אונז געטריבען פון ענגלאנד, מען האט אונז געטריבען פון פראנקרייך, מען האט אונז געטריבען פון שפאניען און מען האט אונז געטריבען פון דייטשלאנד. מען האט אונז געטריבען און מיר זענען געלאפען, ווייל מיר האבען קיין אנדער ברירה נישט געהאט, ווייל אונזער לעבען, שלעכט ווי ער איז געווען, איז אונז דאך געווען ליב און טייער. מיר זענען געלאפען און דורך דעם לויפען האבען מיר זיך געראטעוועט.

* * *

עס זענען אנגעקומען שרעקליכע צייטען אויף די יודען אין דייטשלאנד. עס איז אויפגעשטאנען — א נייער המן. וואס וויל לעזען די יודען-פראגע אויף דעם אלטען המנ׳ס שטייגער, זיין לעזונג צו דער יודען-פראגע בעשטעהט פון צוויי ווערטער: „להרוג ולאבד", וואס דאס מיינט, אז די יודען דארפען אויסגעשאכטען ווערען מיט אמאל אדער דורך א לאנגזאמען הונגער-טויט.

פון דעם שטאנדפונקט פון דער נישט-יודישער וועלט איז די דאזיגע לעזונג פון דער יודען-פראגע אפשר א גאנץ גוטע. אז עס וועלען נישט זיין קיין יודען, וועט שוין ממילא נישט זיין קיין יודען-פראגע. די יודען געפעהלט אבער די דאזיגע לעזונג נישט. אמת, מען פרעגט ביי זיי נישט זייער מיינונג, מען ווארט נישט אויף זייער צושטימונג און זיי האבען וועגען דעם קיין דעה נישט, אבער א ווילען האבען זיי, — א ווילען צו לעבען. זיי ווילען לעבען און זוכען צו ראטעווען זייער לעבען דורך דעם אלטען יודישען מיטעל — דורך אנטלויפען...

געפעהלט עס נישט מאנכע פון אונזערע כלל-טוער. „לויפט נישט"! — שרייען זיי — „בלייבט אויף אייער פלאץ און קעמפט"!

א האלבער מיליאן דייטשע יודען זאלען קעמפען געגען פינף און זעכציג מיליאן צוויושעטע דייטשען! וואס דער רעזולטאט פון אזא „קעמפען" קען זיין, קען מען זיך פארשטעלען...

דער האלבער מיליאן דייטשע יודען זאלען קעמפען, און וואס איז עפעס מכוח די דרייצעהן מיליאן דייטשע סאציאל-דעמאקראטען און די העכער זעקס מיליאן דייטשע קאמוניסטען? וואו זענען זיי אהינגעקומען? פאריואס שווייגען זיי? האבען זיי זיך בעהאלטען אין זייערע לעכער? וואו איז אהינגעקומען זייער „העלדישקייט"? עס איז גאר פשוט, מענשען ווילען נישט און קענען נישט ריזיקירען זייערע לעבענס. און אויב די ניינצעהן מיליאן סאציאליסטען און קאמוניסטען טוען עס נישט, און קיינער פערלאנגט עס פון זיי נישט, — טא פארוואס זאל מען עס פערלאנגען פון די דייטשע יודען? זענען דען די יודען ווירקליך אנ׳אויסערוועהלט-פאלק, — „אויסערוועהלט" צו זיין דער קרבן פון אלע רעוואלוציעס? מוזען די יודען פון דייטשלאנד זיין „מיסט" פאר דעם אויפבוי פון א פרייען דייטשלאנד?

די דייטשע סאציאליסטען און קאמוניסטען קענען פערבארגען זייער סאציאליזם און קאמוניזם און ווארטען אויף בעסערע צייטען, „עד יעבור זעם", אבער די יודען קענען נישט פערבעהאלטען זייער „מיאוס׳ן" יחוס, וואס זיי זענען נישט קיין „אריער". זיי קענען נישט פערבארגען זייערע נעזער און פנימ׳ער. אלע דערקענען גלייך, אז דאס זענען די „זרע ברוך ה׳", די קינדער וואס גאט האט געבענשט... פאר זיי איז קיין אנדער ברירה נישטא, ווי צו אנטלויפען אין אלע פיר ברעגען פון דער וועלט: אין עטיאפיע, אין זיד-אפריקא, אין זיד-אמעריקא און אפילו, קיין פאלעסטינע!

עס איז אמת, אז נישט אלע יודען קען מען ארויסנעמען פון דייטשלאנד, איז טאקע נישט גוט, אבער דאס הייסט נאך נישט, אז מען דארף דעריבער נישט ארויסנעמען די וואס מען קען יא.

צי איז מעגליך א מיליטערישער בונד

צווישען איטאליען, דייטשלאנד און יאפאן?

אין די לעצטע טעג האט זיך אין די פאליטישע קרייזען פון אייראפא פערשפרייט א סענסאציאנעלער קלאנג וועגען א געפלאנטען מיליטערישען בונד צווישען איטאליען דייטשלאנד און יאפאן, עס איז נישט אויסגעשלאסען, אז דעם ערשטען שטויס צום דאזיגען קלאנג האט געגעבען רוזוועלט דערמיט וואס ער האט אין זיין רעדע אין קאנגרעס געזאגט וועגען די מלוכות וואס הגם זיי בילדען נאר 10 פראצענט פון אלע לענדער פון דער וועלט זענען זיי דאך א עלעמענט וואס קען לויט זייער כאראקטער נישט צוטרעטען צו דער אלגעמיינער פאליטיק פון שלום. הגם רוזוועלט האט נישט אנגערופען די דאזיגע לענדער צווייפעלט אבער קיינער נישט אין דעם, אז ער האט געמיינט איטאליען, דייטשלאנד און יאפאן.

איטאליען וואס געפינט זיך אין א שארפען קאנפליקט מיט דער פעלקער-ליגע און דייטשלאנד און יאפאן וואס זענען אינגאנצען פון איהר ארויסגעטרעטען, זענען ווי פון גורל בעשטימט געווארען צו א געגענזייטיגע דערנעהנטערונג און זיי צייכענען זיך אויך אויס מיט דער גלייכער געשיכטליכער ענטוויקלונג: א בעפעלקערונגס-צוואוקס, מאנגעל אין אומזאץ מערק און וואס פליסט דערפון ארויס א שטרעבען צו עקספאנסיע.

אבער די געמיינזאמקייט פון היסטארישען גורל איז נאך נישט גענוג בכדי צו שליסען א ענגען בונד. דערצו איז נאך נויטיג א געמיינשאפט פון די אינטערעסען און נאר דאן קען זיך שאפען א באדען פאר דער פאליטישער צוזאמענארבייט. עס אונטערליגט נישט קיין ספק, אז איטאליען איז זעהר פעראינטערעסירט צו בעקומען נייע פערבינדעטע און דעריבער איז אויך נישט קיין וואונדער וואס אלע קלאנגען וועגען א איטאליעניש - דייטשען - יאפאנישען בונד שטאמען פון איטאליענישע קוועלען. אזוי מעלדען די רוימישע קארעספאנדענטען פון כמעט אלע אהן אויסנאהם פאריזער ציטונגען, אז איטאליען פערלירענדיג די האפנונג צו קענען קומען צו א הסכם מיט ענגלאנד און פראנקרייך נאכדעם ווי דער לאוואל-האאר פלאן איז אדורכגעפאלען זוכט א מעגליכקייט זיך צו פערבינדען מיט די צוויי גרויסע מלוכות וואס געהערען נישט צו דער פעלקער-ליגע. די איטאליענישע פרעסע האט שטארק אנגעהויבען צו רעדען וועגען דער גרויסער סאלידאריטעט צווישען איטאליען, דייטשלאנד און יאפאן וועגען דעם אז די דאזיגע דריי פעלקער, נויטיגען זיך אין א גלייכער מאס אין א עקספאנסיע און ליידען פון מאנגעל אין טעריטאריעס און אז זיי האבען א געמיינזאמען ציעל — דעם קאמף פאר א ארט הינטער דער זון.

אין דעם ווייזט זיך ארויס דאס געפיהל פון פעראיינזאמקייט וואס האט ארומגענומען איטאליען אויפ׳ן פערטען חודש פון דער מלחמה אין מזרח אפריקא. די פעראינטערעסירונג וואס איז ענטשטאנען אין איטאליען צו דער ווייטער אזיאטישער מלוכה האט שוין געפונען אנ׳אפקלאנג אין דער דעלעגאציע וואס איז ארויסגעשיקט געווארען קיין טאקיא. אבער פון שיקען אזא דעלעגאציע ביז שליסען א מיליטערישען בונד איז נאך א ווייטער מהלך, ווייטער ווי פון רוים ביז טאקיא.

עס ענטשטעהט אנ׳אנדערע פראגע. צי איז אויך יאפאן פעראינטערעסירט אין א דערנעהנטערונג מיט איטאליען? וואס קען איהר אייגענטליך געבען איטאליען וואס איז אפגעשוואכט צוליב דער מלחמה אין אביסיניען, און וואס האט פערלוירען א גרויסען טייל פון איהר פרעסטיזש אין אייראפע, און האט דערצו נאך פערלוירען דאס רוב פון איהרע עקאנאמישע פאזיציעס, עס איז זעהר צווייפעלהאפט צי יאפאן וועט צוליב פראבלעמאטישען נוצען פון א בונד מיט איטאליען מקריב זיין איהרע בליטיגע אינטערעסען אין אפריקא, וואו זיי שטויסען זיך צוזאמען מיט די איטאליענישע אינטערעסען.

דאס הארטנעקיגע און שווייגענדע ארייטדרינגען פון די יאפאנער קיין אפריקא איז שוין לאנג נישט געבליבען קיין סוד, עס איז נישט פאראן קיין איין רעגירונג אין צפון-אפריקא, וואס זאל נישט פעסטשטעלען אז די יאפאנער טרעפט מען אין אלע מעהר אדער ווייניגער בעדייטענדסטע צענטערען — פארט-סאאיד, קאאירא, דזשיבוטי, און אדיס אבעבא. צפון אפריקא און בעזונדערס אביסיניען, איז אונערשעפליכער אפזאץ מארק פאר די ביליגע יאפאנישע סחורות. און נישט נאר דאס עס איז אויך א לאנד פאר אונבעגרענעצטע מעגליכקייטען פאר דער יאפאנישער אימיגראציע פאר דעם איבערפלוס פון איהר בעפעלקערונג, דעריבער וואלט די עראבערונג פון אביסיניען דורך די איטאליענער געווען זעהר נישט געוואונשען פאר יאפאן.

ווי מיר זעהען איז צווישען יאפאן און איטאליען נאר נישט פאראן קיין געמיינזאמע אינטערעסען נאר להיפוך, זייערע אינטערעסען שטעהען אין א שרייענדער סתירה.

עס איז אויך שווער צו געפינען אזעלכע געמיינזאמע אינטערעסען צווישען איטאליען און דייטשלאנד, וואס זאלען בעוועגען די לעצטע זיך אפצוזאגען פון דער מיט אזוי פיל שוועריגקייטען דערגרייכטער דערנעהנטערונג מיט ענגלאנד, וועלכען מען גיט אין דייטשלאנד צו א גרויסע בעדייטונג. דערמיט ערקלערט זיך די צוריקגעהאלטענקייט און אונפעראינטערעסירטקייט וואס דייטשלאנד ווייזט ארויס פון אנהויב אן זייט עס איז אויסגעבראכען דער איטאליעניש-אביסינישער און איטאליעניש-ענגלישער קאנפליקט, ווען עס איז אין אקטאבער פון פערגאנגענעם יאהר בעשטימט געווארען דער נייער איטאליענישער פארשטעהער און די אייראפאאישע פרעסע האט דעם פאקט בעמיהט זיך צוצוגעבען די בעדייטונג פון א איטאליעניש-דייטשער דערנעהנטערונג האט די דייטשע פרעסע איינשטימיג אונטערגעשטראכען די נישט ריכטיגקייט פון דער דאזיגער מיינונג. בעזונדערס בולט איז דאס געקומען צום אויסדרוק אין היטלערס רעדע, וואס ער האט געהאלטען אויפן צוזאמענפאהר אין נירענבערג: „מיר פערנעהמען נישט שום פאזיציע לגבי די געשעהענישען וואס האבען נישט קיין שייכות מיט דייטשלאנד און וועלען זיך נישט לאזען אריינציהען אין אזעלכע געשעהענישען". ס׳איז נישט פאראן קיין סיבה אנצונעמען אז זייט די ווערטער זענען געזאגט געווארען זאל זיך האבען עטוואס געענדערט. וואס קען פאר דייטשלאנד זיין א בונד מיט איטאליען? די פעראייניגונג מיט עסטרייך? שושניג׳ס רייזע קיין פראג בעווייזען, אז אין וויען זענען ענטשטאנען ערנסטע בעאונרוהיגונגען וועגען דעם און אז עס ווערען שוין אנגענומען ערנסטע געגען מיטלען. ווי עס איז צו זעהען בעמיהט זיך עסטרייך צו שאפען א אריענטאציע אויף דער קליינער קאאליציע אין מערב אייראפא בכדי אויב דאס וועט נויטיג זיין זיך צו שטיצען אנשטאט אויף איטאליען — אויף מערב-אייראפא.

עס איז דעריבער נישט צו גלויבען, אז דייטשלאנד זאל איצט געהען אויף א דערנעהנטערונג מיט איטאליען בעת מען שטרעקט אויס צו איהר די האנד פון פראנקרייך. נישט אומזיסט רעדט מען וועגען ענגליש - דייטשע - פראנצויזישע געשפרעכען וואס זאל פארקומען שוין אין די נאהענסטע טעג.

די פעראייניגטע ענגלישע און פראנצויזישע פלאטען אויפן מיטעללענדישען ים וועלען גורם זיין אז די קלאנגען וועגען פאנטאסטישע מיליטערישע בונדען זאלען אינגאנצען פערשווינדען

ענדעקישער גדול וועגען לעגיסלאטיוון ראט פאר א"י

דער ענדעקישער גדול ריבארסקי האט אין נעכטיגען „הויענניק נאראדאווי" פערעפענטליכט א ארטיקעל וועגען דעם... לעגיסלאטיוו ראט פאר ארץ-ישראל. דער פראפעסאר וויל פון דער שטעלונג וואס דאס יודישע פאלק האט אנגענומען לגבי דעם פלאן פון דער ענגלישער רעגירונג שמידען א געוועהר געגען די יודען אין פוילען.

ריבארסקי ווייזט אן אין זיין ארטיקעל אז די יודען פון דער גאנצער וועלט פראטעסטירען געגען פראיעקט פון א לעגיסלאטיוו ראט אין פאלעסטינא, וואס די בריטישע רעגירונג האט דארט בדעה איינצופיהרען, די יודישע מאניפעסטאנטען אין ווארשא פאדערען אפילו אויף די פוילישע רעגירונג אז זי זאל אינטערוועניהרען וועגען דאזיגען פראיעקט."

רעדענדיג וועגען דעם פראיעקט שרייבט ריבארסקי אז: „די יודען פראטעסטירען נישט דערפאר וואס דער ראט איז ווייט פון די דעמאקראטישע אידעאלען, וואס ער בעריקזיכטיגט נישט אין א גענוגענדער מאס דעם ווילען פון דער בעפעלקערונג, ניין, די יודען אין פאלעסטינא זענען נישט קיין אנהענגער פון דעמאקראטיע, זיי פראטעסטירען דערפאר וואס דער פראיעקט זעהט פאר נעבען דער יודישער פארשטעהערשאפט אויך א פארשטעהער פון דער אראבישער בעפעלקערונג. די אראבער זענען אין דעם פראיעקט נישט פריווילעגירט אבער די יודען ווילען נישט מסכים זיין אז מען זאל זיי צולאזען צום ווארט".

„נישט קוקענדיג וואס די יודען — שרייבט ווייטער ריבארסקי — זענען אין פאלעסטינא אין דער מינדערהייט און דערצו אין א נישט בעדייטענדע מינדערהייט, איז די דאזיגע ערד, אין זייער איבערציגונג, זייער פאטערלאנד. זיי האבען דאס אויסשליסליכע רעכט צו רעגירען, די „פרעמדע עלעמענטען, וועלכע עס זענען לויט זייער מיינונג די אראבער, דארפען בעזייטיגט ווערען, יעדענפאלס דארפען זיי בעזייטיגט ווערען פון דעם פאליטישען איינפלוס. אין בעסטען פאל זענען די יודען גרייט צו אנערקענען פאר דער אראבישער מעהרהייט — די רעכט פון א מינדערהייט".

אויפגעבויט אזא שקר-בריק וועגען דעם כלומרשט׳ען ווילען פון די יודען צו בעגרעניצען די רעכט פון די אראבער אין ארץ ישראל, געהט ריבארסקי איבער צו רעדען וועגען די יודען אין פוילען און קומט צו פאלגענדע אויספיהרונגען:

די יודען אין פאלעסטינא ווילען נישט אנערקענען די פאליטישע רעכט פון דער ארטיגער בעפעלקערונג וואס וואוינט שוין דארט גאנץ לאנג. זיי בעהאנדלען די אראבער ווי בירגער פון צווייטער מדרגה. ווי פרעמדע, אויסלענדער. און די דאזיגע אראבער וואוינען דארט לענגער ווי די יודען אין פוילען, און אין פוילען פאדערן די יודען פולע פאליטישע רעכט. זיי מיינען אז עס קומט זיי דיזעלבע רעכט אין פוילען ווי די קעהנדיגע פאליאקען. זיי פעררופען זיך אין פוילען אויף דעם רעכט פון מענשען בירגער, אויף די דעמאקראטישע אידעאלען. זיי זענען גרייט הימעל און ערד צו בעוועגען געגען יענע וואס זאגען זיי אפ גלייכע רעכט מיט די פאליאקען, אבער אין פאלעסטינא פערגעסען זיי וועגען די אלע פרינציפען.

מען וואלט אייגענטליך געקענט אנערקענען פאר די יודען אין פוילען דיזעלבע רעכט וואס די יודען אין פאלעסטינע ווילען אנערקענען פאר די אראבער... מיר קענען נישט אנערקענען קיין דאפעלטע יודישע בוכהאלטעריע, מיר קענען נישט מסכים זיין אויף א ספעציעלער פריווילעגיע פון „אויסדערוועהלטען פאלק".

די יודען האבען זייער פאטערלאנד, ערד וואס זיי האלטען פאר זייער אייגענטום. אבער אויך מיר האבען אונזער ערד. מיטן מאמענט וואס די יודען האבען זיך דערפיהלט אלס פאלק, מוזען זיי מסכים זיין מיטן פאקט אז אויף פרעמדער ערד זענען זיי אויסלענדער. די אידעע פון פאלק נעהמט אן אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט קאנקרעטע פארמען. א פאלק איז נישט די אלע איינוואוינער פון עפעס א מלוכה אומאפהענגיג פון וואו און ווען זיי זענען געקומען. אנ׳אנדער אינהאלט מוז אנגענומען דאס בירגער-רעכט אין א נאציאנאלער מלוכה. א פאלק איז ווי אם ענגסטען צוזאמענגעבינדען מיט דער ערד, איז דער אונטיילבארער הער פון דער דאזיגער ערד, וואס הערשט אויף דער דאזיגער ערד עס פערשטעהען עס גוט די יודען אין — פאלעסטינא.

אבער זיי ווילען דאס נישט פערשטעהען אדער זיי מאכען זיך נישט פערשטעהען אין פוילען. אבער אויך דא וועט קומען צו דער אנערקענונג פון פרינציפ אז קיינער קען נישט האבען דיזעלבע רעכט אין א פרעמדער מלוכה וועלכע ער דארף האבען אין זיין מלוכה. בכדי דעם דאזיגען פרינציפ אריינצוקלאפען די יודען, וועלכע ווילען ביי אונז פריווילעגיעס, וועט דער פאלעסטינער ארגומענט צונויץ קומען

דאס דאזיגע ארטיקעל פון ענדעקישען גדול, ווי מיר זעהען, איז פול צביעות, ארויסגעהענדיג פון דער פאלשער הנחה, און פאלשער בעלייכטונג און סתם ליגענס, וועגען דער בעפעלקערונגס פראבלעם אין ארץ ישראל מישט ריבארסקי אוים די בעגריפען פאלק און מלוכה. דער דאזיגער שווינדעל איז אייגענטליך נישט ריבארסקים אויפטו. ער האט דאס איבערגענומען פון שכנישען היטלער-לאנד. ער פערגעסט אבער, אז אויך אין דייטשלאנד וואוינט אנדערהאלבען מיליאן פאליאקען וואס שטעהען איצט אין א ביטערען קאמף פאר זייערע נאציאנאלע און בירגערליכע רעכט, און מיט זיין צונויפמישען די בעגריפען פאלק און מלוכה טוט ער זיי אויך נישט קיין גרויסע טובה. ער פערגעסט אויך, אז פוילען האט א גאר נישט קשה׳דיגען פראצענט פערשידענע מינדערהייטען און דאס וואס לאזט זיך דורך טעראר און אונטערדריקונג אדורכפיהרען אין נאצי-דייטשלאנד איז זיך נישט פארצושטעלען אין פוילען.

ער האט געוואלט ראטעווען די מענשהייט דורך שעדליכע אפעראציעס אויף מענער

סענסאציאנעלער פראצעס אין וויען פון א חברה-מאַן, וואס האט געשפּילט די ראָלע פון א רעוואָלוציאָנער. — די סקאַנדאַליעזע זאַכען, וואס ער האט אָפּגעטון!

דאָך ווי פ. ר. איז פערוויקעלט אין א רייהע פראצעסען, וועגען וועלכע עס איז כדאי דאָ צו דערצעהלען.

ער איז אַ העכסט געבילדעטער מענש, אַ גלענצענדער רעדנער און שרייבער, א בעדייטענדער טעאָרעטיקער און אַגיטאטאָר פון ראדיקאַלע אידעען. פערזענליך איז ער א שטיל מענשעל, וואָס קען, דוכט זיך, נישט א פליג פון דער וואַנט פערטרייבען. ער איז א יוד, וועלכער שטאמט פון אונגארן, — מען זאָגט פון א זעהר פרומער יודישער פאמיליע; זיין זיידע, זאָגט מען, איז געווען א רב. אָבער ער איז א יוד פון יענע יודען, וועלכע שעהמען זיך מיט יודישקייט. ער האָלט זיך פאר אַ פאָלגעם דייטש און פאר אַ גרויסען קעמפער; אָבער זיין „הויפט-קאמף", ווי עס האָט זיך איצט אַרויסגעוויזען, בעשטעהט אין דעם, וואָס ער פרעדיגט, אַז מענשען, מענער הייסט עס, זאָלען מעגען האָבען א סך ווייבער, וויפיל זייער הארץ גלוסט און ווי אַ זאַך מאכט זיך, זאָלען זיי קיין קינדער נישט האָבען, ווייל קינדער האָבען — פרעדיגט פ. ר. — איז דאָס גרעסטע אומגליק פאר דער מענשהייט; זענען זיי קליין, קאָסטען זיי אַ סך געלד, מוזט איהר געבען, זיי זאָלען געזונט זיין, עסען, שיך, קליידונג, א וואוינונג און לערנונג: וואַקסען זיי אונטער, קאָסטען זיי נאָך מעהר געלד און דאַן, אַז זיי זענען שוין גרויס געוואָרען, דאַרפט איהר געבען אויסהאַלטונג פון אַלעם גוטען און דאַן מוזט איהר זיי חתונה מאכען און געבען נדנס... אָבער אַז איהר לעבט מיט א סך ווייבער און איהר האָט מיט זיי קיין קינדער נישט, איז דאָס אי גוט און אי ביליג... דאָס איז ממש א גליק פאר דער מענשהייט...

קאָנט איהר דאָך מיינען, אַז דאָס איז אַזאַ שפאס? הויבט זיך נישט אָן! עס איז דער ריינער אמת. פ. ר. פיהרט שוין יאָהרען - לאַנג אַ קאמף צו לעזען אָט די ברענענדע פראגע פון דער אונטערדריקטער מענשהייט. ער האַלט וועגען דער פראגע רעדעס. ער שרייבט ארטיקלען און פיהרט אָך אַ גרויסע אַגיטאַציע.

אָבער נישט נאָר מיט ווערטער פיהרט ער וועגען דעם זיין קאַמף, נאָר פון דער טעאָרעטישער אַגיטאַציע איז ער איבערגעגאנגען צו טאטען, צו מעשים טובים הייסט עס, און ער האָט טאקע אין דער פראקטיק דורכגעפיהרט זיין פלאַן צו בעגליקען די מענשהייט.

נישט מעהר, דער פלאַן איז ווי אַלע גוטע פלענער, אַ קאַפּיטשקע נישט געראטען. עס איז כדאי צו הערען ווי אַזוי עס איז נישט געראטען:

מיט אַ צייט צוריק האָט דער בעריהמטער מעדיצין - פראָפעסאָר לודוויג שמערץ, אין גראץ, עסטרייך, געמאַכט אַ וויסענשאַפטליך - מעדיצינישע ענטדעקונג, לויט וועלכער מען קאָן דורך אַן אָפּעראציע מאכען, אַז יונגע מענער זאָלען זיין אומפרוכטבאַר, דאָס הייסט אַז זיי זאָלען קיין קינדער נישט ברענגען אויף דער וועלט, צייטווייליג אָדער אויף שטענדיג, ווי איינער וויל.

די ענטדעקונג האָט א מעדיציניש-וויסענשאַפטליכען נאָמען, וועלכען איך האָב געוואוסט און פערגעסען. די אָפּעראציע האָט דעם נאָמען: „אונטערבינדונג".

אַלענפאלס איז דאָס א מעדיצינישע אנגעלעגענהייט. ווייל נישט-מעדיצינער פערנעמען זיך דאָך נישט מיט מעדיצינישער וויסענשאפט, בלויז פ. ר. האָט אַ בעם געטון די זאך אין זיינע הענט. ער האָט, ווי שוין דערצעהלט, אָנגעפיהרט וועגען דעם אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע דורך רעדעס און שרייבען, גלייך ווי עס וואָלט איהם געגאנגען אין לעבען. דאָס בוך, וואָס ער האָט אָנגעשריבען וועגען דעם, טראגט טאקע דעם טיטעל פון דעם וויסענשאַפטליך-מעדיצינישען נאָמען פון פראָפעסאָר שמערץ'ס ענטדעקונג. דאָס בוך האָט געהאַט א ריזיגען ערפאָלג. עס האָט זיך פערקויפט אין טויזענדער עקזעמפלאַרען.

דורך דער דאָזיגער פראפאגאנדע פאר דער „אונטערבינדונג", פון וועלכער פ. ר. האָט זיך געמאכט א קוואַל פון „פערדינסטען", האָט ער ערוואָרבען אַ מאסע אָנהענגער, סיי פון די ראדיקאלע קרייזען און; סיי פון אַנדערע קרייזען. וואָס זשע טוט ער? פערווירקליכט ער זיין „אידעע" אין דער פראקטיק, ווי אונגלויבליך דאָס זאָל נישט קלינגען.

(קארעספאנדענץ)

אין עק שטאט, אין אַן הינטער-געסעל, אין דער וואוינונג פון אַן אָרימער אַלטער פרוי, האָט ער אָפּגעדונגען א האַלב פינסטער צימערעל און דאָרט האָט ער, אין געהיים, איינגעאָרדענט אַן „אָפּעראציע-זאַל". עס איז נישט געווען פיל וואָס איינצוריכטען. מען האָט אוועקגעשטעלט א קוך-טיש מיט אַ בענקעל און — פאַרטיג.

נו, און פאציענטען? — וועט איהר פרעגען.

— זענען טאקע באמת געקומען פאציענטען, יונגע מענער, אום זיך צו מאכען די געוויסע אָפּעראציע?!

איהר מעגט יאָ לאַכען, צי נישט לאכען, אַלענפאלס איז עס אַ טרויעריגער שפאס. יאָ, די פאציענטען זענען געקומען אין די צעהנדליגער. און דורכגעפיהרט די אָפּעראציע איבער די יונגע מענער, אום זיי זאָלען נישט ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט, האָט איינער אַ בולגארישער מעדיצין-סטודענט פ. ל. דאָס איז אַ בעזונדערער טיפּ פאַר זיך.

ער שטאמט פון א דאָרף אין בולגאריע, וואו ער איז געווען אַ חזיר-קוילער. זיין פאָטער, א רייכער פויער, אַ בעל-גוף, האָט געשיקט זיין זוהן קיין וויען אויסצושטודירען אויף דאָקטאָר. „שטודירט" ער שוין טאקע העכער 27 יאָהר, נאָר קיין איין עקזאמען האָט ער נאָך נישט געמאכט, און יעהרענד דער צייט האָט ער נישט בעוויזען אויסצולערנען זיך עטליכע ווערטער דייטש. עס איז א סברה, אַז ער ווייסט אפילו נישט זיך צו בענוצען מיט א שניפּטוך. אין די מעדיצינישע לערן-ביכער קוקט ער אריין ווי אַ האָן אין „בני אדם". אין אוניווערזיטעט, ביי די לעקציעס פון די פראָפעסאָרען, זיצט ער ווי אַ טויבער אויף אַ יאַריד. ער געהט אָנגעטון אין שטיוועל און טראגט א פאפאכע אויפ'ן קאָפּ. זיין טאַטע, דער רייכער פויער, שיקט איהם אַהער שוואַרצע ברויטען, גרויסע ווי אַטאמאָביל-רעדער, טעפּ מיט האָניג, דייטשקעלעך פּוטער, פּעסעלעך שנאַפּס, שאַפּענע קעזעלעך, זייטעלעך געבראטענע שעפּסען-פלייש, און האַלב-געראייכערטע חזירים מיט איין אויער און מיט א ווידעלע. זיצט זיך דעם טאטענ'ס זוהנדעל, עסט און טרינקט פון שענסטען און בעסטען און ער „שטודירט" אויף דאָקטאָר שוין העכער א פערטעל יאהר-הונדערט און ער דרעהט זיך אין די ראדיקאלע קרייזען.

אָט דעם דאָזיגען בולגארישען מעדיצין-סטודענט פ. ל., אַ וואַזשנער אויטאָריטעט אויפ'ן מעדיצינישען געביט, האָט עס דער בעל-דבר פ. ר. געדונגען, אום ער זאָל מאַכען די אָפּעראציעס...

דאָס איז אַזוי אָנגעגאנגען מאָנאַטען לאַנג... ביז דער סקאַנדאַל איז אַרויסגעקומען; ווייל אַלע די יונגע מענער, פ. ר'ס אָנהענגער, איבער וועלכע מען האָט דורכגעפיהרט די אָפּעראציע, זענען, נעבעך, פערומגליקט געוואָרען. זיי זענען אינגאנצען געוואָרען אויס מענער. דער בולגארישער מעדיצין-סטודענט האָט זיי געמאַכט פאַר דאָס, וואָס מען רופט אָן יעיונוכען. אויסער דעם, זענען מאנכע פון די אָפּערירטע קראַנק געוואָרען.

אַז די זאַך איז אַרויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט, האָט דער בולגארישער מעדיצין-סטודענט געמאַכט א יבריח, און פ. ר. איז אַרעסטירט געוואָרען.

ביי זיין ערשטען פראצעס האָט ער זיך פאַר דעם ריכטער פערענטפערט מיט דעם, אַז ער האָט געמאַכט פראפאגאנדע פון דער געוויסער אָפּעראציע בלויז אויס אידעאַליזם און ריינער מענשען-פריינדליכקייט. ער האָט דאַדורך געוואָלט ווערען א וואוילטעטער פון דער מענשהייט, און איבערהויפּט האָט ער געוואָלט פערזאָרגען די אָרימע פּראָלעטאַריער, זיינע אָנהענגער, אַז זיי זאָלען נישט האָבען קיין קינדער. אָבער דער ריכטער האָט איהם נישט געגלויבט. עס איז אין געריכט פאָרגעלעזען געוואָרען א רייהע בריף פון זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבען זיך געלאָזט מאכען די אָפּעראציע און זענען פערומגליקט געוואָרען. אין די בריף ווערט ער בעשימפּט אַלס פערפיהרער און אונמענש.

דער סוף איז געווען, אַז ער איז פעראורטיילט געוואָרען צו זעקס מאָנאַטען געפענגניש פאַר שעדיגען מענשען דאָס געזונט.

אָפּגעזעסען די זעקס מאָנאַטען איז ער אַרויס פריי. אָבער נאָך אַנדערע פערומגליקטע פאציענטען, וועלכע האָבען זיך ביז דאַן געשעהמט, האָבען יעצט ווידער געמאַכט געגען איהם אַ שטראָף-אַנצייגע, און די פּראָקוראַטור האָט ווידער געגען איהם פערפיהרט אַ שטראָף-פּראָצעס.

ביים צווייטען פּראָצעס האָט ער אַרויפגעוואָרפען די גאַנצע שולד אויף דעם אַנטלאָפענעם בולגארישען מעדיצין-סטודענט, וועלכער האָט דורכגעפיהרט די אָפּעראציעס און געשניטען מענשען מיט אַ קיך-מעסער, און שלעכט געשניטען! וואָס זשע איז ער שולדיג, אַז יענער האָט נישט געקענט גוט שניידען? ער האָט אויך געטענה'ט, אַז די אָפּעראציע איז נישט קיין געפעהרליכע. עס איז ממש א קינדער-שפּיל און נישט מעהר

האָט דער געריכט גערופען דעם פּראָפעסאָר שמערץ אַלס עדות, וועלכער האָט אין געריכט ערקלערט, אַז די אָפּעראציע איז ווירקליך נישט קיין געפעהרליכע און זי קען אויך זיין ערפאָלגרייך דעמאָלט, ווען זי ווערט, נאַטירליך, דורכגעפיהרט פון מעדיצין-דאָקטוירים, אָדער פון פּראָפעסאָרען, ביי היגיענישע בעדינגונגען, ווי עס פאָדערט זיך ביי אַלע אָפּעראציעס.

אַזוי האָט עדות געזאָגט דער פּראָפעסאָר שמערץ.

אויף דעם גרונד פון דעם דאָזיגען עדות זאָגען איז פ. ר. ווידער פון געריכט יעצט פעראורטיילט געוואָרען צו איין יאָהר געפענגניש פאַר שעדיגען מענשען דאָס געזונט און זיי ברענגען אין לעבענס-געפאַהר.

מאסקוה

דאס לעבען אין ארץ-ישראל

ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען אגענטור

וואַנדאַליסטישע מעשים פון אראבער.

ירושלים. אומבעקאַנטע פערברעכער האָבען אומגעוואָרפען דעם פּאַרקאַן פון כפר החורש אין די בערג פון נצרת אויף אַ קילאָמעטער די לענג. גלייכצייטיג זענען אויסגעריסען געוואָרען 800 פרוכט- און וואַלד-בוימער. קענטיג אַז דער וואַנדאַליזם איז אָפּגעטון געוואָרען דורך אַן אָרגאַניזירטער באַנדע.

יק"א אָפּגעשטעלט איהר טעטיגקייט אין טערקיי. צרות פון פוילישע יודען אין טערקיי.

תל-אביב. ווי בעקאַנט, האָט די טערקישע רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדענונג, אַז די יק"א טאָר זיך נישט פערנעמען מיט קיין פילאַנטראָפּישער אַרבייט פאַר יודען אין די גרעניצען פון דער טערקישער מלוכה. איצט ווערט דער „הארץ" מיטגעטיילט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אַז די לייטונג פון יק"א האָט אָפיציעל געמאָלדען דער טערקישער רעגירונג, אַז זי האָט לגמרי אָפּגעשטעלט איהר אַרבייט אין טערקיי.

ווי דער „הארץ" גיט אויך איבער, האָבען 500 פוילישע און רומענישע יודען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויסצושטעהן גרויסע צרות פון דער טערקישער רעגירונג, וועלכע דערלאָזט פשוט נישט, מען זאָל זיי געבען סערטיפיקאַטען קיין א"י, און זיי געפינען זיך דעריבער אין אַ שרעקליכער לאַגע.

אַנשטאָט 900 אין 1920 לערנען היינט אין דאָרפישע אראבישע שולען 22 טויזענד קינדער.

ירושלים. לויט אַן אָפיציעלער מעלדונג וואָס די רעגירונג האָט פערעפענטליכט, האָבען זיך אין די יאָהרען 1919-20 געלערנט 900 אראבישע שילער און שילערינס אין 30 דאָרפס-שולען. היינט צו-טאָג, אָנהויב 1936, בעטרעפט די צאָהל אַראַבישע דאָרפס-שולען 309 און די צאָהל שילער און שילערינס — 23.000.

אין 200 שולען בעקומען אויך די שילער אַ לאַנדווירטשאַפטליכע ערציהונג דורך אינסטרוקטאָרען, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די אַגראָנאָם-שול אין טיל-כרם. די געבוידעס פון דאָס רוב שולען זענען געבויט לויט די מאָדערנסטע פאָדערונגען און אַ גרויסער טייל פון זיי איז אויפגעבויט געוואָרען אויף די מיטלען פון די דערפער.

הונגער סכנה אין עבר הירדן.

ירושלים. פון אמאן, דער הויפּט-שטאָט פון עבר-הירדן, ווערט מיטגעטיילט, אַז אין גאַנצען לאַנד הערשט אַ שרעקליכע טריקעניש. די גאַנצע תבואה איז פערברענט געוואָרען. פון די סטאַדעס פאַלען טעגליך אין די הונדערטער. די פרייזען אויף מעהל זענען געשטיגען און מען האָט מורא, אַז היי-יאָהר וועט אין עבה"י אויסברעכען אַ הונגער.

גרויסע רעגענס אין דרום א"י.

ירושלים. אין דער גאַנצער געגענד צווישען באר-שבע און עזה זענען די טעג געווען שטאַרקע רעגענס און פערפלייצט דעם גאַנצען שטח. צוליב די גרויסע געוויסערן איז אָפּגעשטעלט געוואָרען די קאָמוניקאַציע צווישען באר-שבע און עזה.

רעגירונגס - אגראר - באַנק אין א"י הויבט אָן פונקציאָנירען.

ירושלים. אינגיכען וועט פאָרקומען די עפענונג פון דער רעגירונגס-אַגראַר-באַנק און אין די נאָהענטסטע וואָכען הויבט זי אָן פערטיילען די ערשטע הלואה. דעם גרעסטען טייל פון קאַפּיטאַל האָבען אַריינגעלייגט ענגלענדער און אַ טייל — יודען. עס בעטייליגען זיך אין איהר אַסעקוראַציע-געזעלשאַפטען און פערשידענע באַנקען. אַלס גענעראַל-דירעקטאָר איז בעשטימט געוואָרען מר. נאָעל קיריו, וואָס איז יאָהרען-לאַנג געווען דער דירעקטאָר פון אַן אַגראַר-באַנק אין עגיפּטען.

א נייער שאָסעי תל אביב — פתח-תקוה.

תל-אביב. כדי צו פערלייכטערן די שטאַרקע בעוועגונג צווישען פתח-תקוה און תל-אביב טראַכט מען צו בויען אַ צווייטען שאָסעע, וואָס וועט זיך ציהען לענג-אויס דעם אַלטען שאָסעע, אויף וועלכען עס וועלען פערקעהרען בלויז לאַסט-אויטאָמאָבילען.

בעוואַלדערונג פון א"י.

ירושלים. די רעגירונג האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו בעוואַלדערן אין משך פון פינף יאָהר 25 טויזענד דונאַם באָדען, דערונטער אויף דעם הר-הזיתים, וועלכער וועט נאָך דעם היינטיגען ווינטער פערפלאַנצט ווערען מיט פערשידענע בוימער.

צו וועמען געהערט אקאבא? בענייאונג פון פערהאַנדלונגען צווישען ענגלאַנד און איבן-סאַוד.

ירושלים. סוף חודש וועלען בעגיינט ווערען די פערהאַנדלונגען צווישען דער ענגלישער רעגירונג און איבן-סאַוד וועגען דער ענטגילטיגער לעזונג פון דער פראַגע וועגען אקאבא. צווישען ענגלאַנד און איבן-סאַוד הערשען גרויסע חילוקי-דעות, וועגען דעם דאָזיגען פאַר ענגלאַנד וויכטיגען סטראַטעגישען פונקט. איבן-סאַוד טענה'ט, אַז אקאבא ליגט אין די גרעניצען פון סאַוד-אַראַביען, בעת ענגלאַנד שטעהט אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אַז אקאבא געהערט צו א"י.

שטורמדיגע צייטען

78

ראָמאַן

די דאָזיגע סצענע האָט אַלעמען אַזוי איבערראַשט, ווי פאַר זייערע אויגען וואָלט געשעהן אַ נס, עפּעס אַן איבערנאַטירליכער וואונדער. אַ ווייל זענען אַלע געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט. בלויז אַ שרעק-אויסגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון אַלעמענס ברוסט.

אָבער באַלד זענען די סאָלדאַטען געקומען צו זיך. זיי זענען צוגעלאָפען צו סעלים-כאַנ'ס ליגענדיגען קערפּער און אָנגעהויבען שיסען אין איהם. און באַלד איז זיין קערפּער דורכגעלעכערט געוואָרען ווי אַ זיפּ, אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט.

סעלים-כאַנ'ס קערפּער האָט עטליכע מאָל געגעבען אַ צאַפּעל, די האַנט, וואָס איז געווען פערקראַמפּט אין אַ פויסט, האָט זיך עטליכע מאָל אַ הויב געטון. ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פערטיידיגען מיט דער דאָזיגער פויסט, דערנאָך איז ער געבליבען ליגען אומבעוועגליך.

אפילו נאָך איצט האָבען די סאָלדאַטען מורא געהאַט צו איהם זיך צוצוריהרען... און כדי צו זיין אינגאַנצען זיכער, אַז סעלים-כאַן איז טאַקע טויט, האָבען זיי איהם גענומען שטעכען אין לייב מיט די שפּיזען פון די ביקסען...

— נו? — האָט קיביראָוו געפרעגט, אַליין זיך נישט גלויבענדיג, אַז סעלים-כאַן איז טויט, — ער לעבט נאָך?

— טויט, וואָס טויט הייסט! — האָבען בעשטעטיגט די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען דעם טויטען קערפּער געשטאָכען מיט די שפּיזען פון די ביקסען. — דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ.

סעלים-כאַן איז געווען טויט. איצט האָט שוין מעהר אין דעם קיין צווייפעל נישט געקענט זיין.

* * *

דער לעצטער קאַמף מיט סעלים-כאַנ'ען האָט געקאָסט פיר טויטע און זיבען פערוואונדעטע. צווישען די לעצטע האָט זיך, ווי מיר ווייסען, אויך געפונען קיביראָוו. ער האָט געמוזט ליגען צוויי חדשים צייט אין שפּיטאָל, ווייל דער אָרעם און דער אַקסעל זענען געווען ביי איהם דורכגעשאָסען.

נאָכדעם, ווי מען האָט זיך אָפּגעפאַרטיגט מיט סעלים-כאַנ'ען, איז א גרעסערע אָפּטיילונג מיליטער אַוועק אין דאָרף אַלט-אַלדא, וואו עס האָבען שוין אומגעדולדיג געוואַרט סעלים-כאַנ'ס מענשען אויף זייער פיהרער, כדי זיך צו לאָזען קיין גראָזני, און אויספיהרען דאָרט אַ רויב-אָנפאַל אויף דעם קאַנטאָר פון דער פירמע נאָבעל.

סעלים-כאַנ'ס מענשען האָבען געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָבער די צאָהל מיליטער איז געווען אַ פיל-גרעסערע, און זיי האָבען זיך ענדליך אונטערגעגעבען. ווען מ'האָט קאַדי'ן און אַנדערע געזאָגט, אַז סעלים-כאַן איז טויט, אַז דאָס מיליטער האָט איהם געפאַקט און דערשאָסען, האָבען זיי זיך צולאַכט און געענטפערט:

— סעלים-כאַן קען נישט שטאַרבען. ער איז נישט טויט. דאָס האָט איהר געוויס אַ צווייטען דערהרג'עט, און איהר זאָגט, אַז ער איז טויט. פונקט ווי עס איז נישט מעגליך, אַז א קויל פון אַ ביקס זאָל אַראָפּהאַקען דעם שפּיץ פון אַ ריזיגען באַרג, אַזוי איז נישט מעגליך, אַז א קויל זאָל אַריין אין לייב פון אונזער כאַן...

זיי האָבען בשום אופן נישט געגלויבט, אַז זייער פיהרער איז טויט. דאַן האָט מען זיי אַוועקגעפיהרט צום אָרט, וואו ס'איז געלעגען סעלים-כאַנ'ס טויטער קערפּער. צוערשט האָבען זיי זיך דערנעהנטערט צום טויטען מיט אַן אומגלויבען, זייענדיג זיכער, אַז מען נאַרט זיי אָפּ.

אָבער ווען זיי האָבען זיך גענומען גוט איינקוקען אין סעלים-כאַנ'ס געזיכט, האָבען זייערע פּנימ'ער זיך שרעקליך אויסגעקרימט און אַ יאָמערליכער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון זייער ברוסט.

זיי זענען אַרויפגעפאַלען אויפ'ן טויטען קערפּער פון זייער פיהרער און האָבען אָנגעהויבען קושען זיין פערבלוטיגט געזיכט, זיינע פערבלוטיגטע הענד. און האָבען שרעקליך געוויינט.

— דו, כאַן, איז עס מעגליך? איז עס מעגליך, אַז דו ביזט טויט? דו — טויט? אַך, אַללאַ, אַללאַ, פאַרוואָס האָסטו געטויט דיין בעסטען דינער סעלים-כאַנ'ען?

זיי זענען לאַנג געלעגען אויף זיין טויטען קערפּער און געקושט יעדען אבר זיינעם. מ'האָט זיי קוים געקענט אָפּרייסען פון זייער טויטען פיהרער.

— אָבער וואו איז אַלי? — האָט קאַדי אויסגערופען, ווען מ'האָט איהם אָפּגעריסען פון סעלים-כאַנ'ס קערפּער — וואו איז דער כאַנ'ס בעסטער פריינד? אָ, אַלי וועט עס דאָך נישט איבערטראָגען, אַלי, אַלי, וואו ביזטו?... זעה, ווי אונזער פיהרער ליגט!... אָ, אַלי, אַלי, וואו ביזטו?...

קיביראָוו איז שוין דאָ נישט געווען. מ'האָט איהם שוין געהאַט אַריבערגעפיהרט אין שפּיטאָל. קיינער פון די אַרומיגע האָט דעריבער נישט בעוואוסט, וועמען קאַדי מיינט.

(ע. ה.)

„ביי א נישט-געפעלשטע פלעביסציט איבער דער יודען-פראגע אין דייטשלאנד

וואלטען צוויי-דריטעל פון אלע דייטשען געפאדערט אפצושאפען די אנטי-יודישע געזעצען"

ערקלערט א געוועזענער דייטשער מיניסטער פון דער קייזער-צייט

דייטשע רעגירונג שאצט דעם יודישען פערמעגען אין דייטשלאנד אויף 20 מיליארד מארק. — וואס מיינען וועגען נאצי-רעזשים די קאנסערוואטיסטען, וואס האבען געהאלפען היטלער'ן קומען צו דער מאכט?

בערלין (יט"א) דער בעקאנטער אמעריקאנער זשורנאליסט און סאציאלאג עליאס טאבענקין, וועלכער האט געוויילט א קורצע צייט אין בערלין און אבגעהאלטען געשפרעכען מיט א רייה העכערע רעגירונגס-בעאמטע און עלטערע דייטשע פאליטיקער פון קאנסערוואטיסטען-לאגער, האט פאר'ן פערלאזען דייטשלאנד זיך געטיילט מיט איינינע אויסלענדישע קארעספאנדענטען אין בערלין מיט זיינע איינדרוקען פון די דאזיגע געשפרעכען.

א הויכער רעגירונגס-בעאמטער — האט ע. טאבענקין מיטגעטיילט — האט איהם ערקלערט, דאס די דייטשע רעגירונג שאצט, אז די יודען אין דייטשלאנד בעזיצען נאך א פערמעגען אין ווערט פון אנ'ערך 20 מיליארד מארק. דאס איז די ערשטע שאצונגס-ציפער פון יודישען פערמעגען אין דייטשלאנד, וואס ווערט אנגעגעבען פון אפיציעלע קוועלען, און עס איז קיין ספק נישט, אז די דאזיגע ציפער איז זעהר שטארק איבערטריבען.

אין זייערע געשפרעכען מיט טאבענקינ'ען האבען א רייה עלטערע דייטשע שטאטסמענער (פיהרער פון די אמאליגע קאנסערוואטיווע פארטייען, וואס האבען אין יאנואר 1933 געהאלפען היטלער'ן קומען צו דער מאכט) אויסגעדריקט זייער אויסערסטע בעאונרוהיגונג צוליב דעם פערגעהם פון דער אנטי-יודישער קאמפאניע אין דייטשלאנד, וואס ווערט געפיהרט דורך די עקסטרעמיסטען פון דער נאצי-פארטיי.

די פיהרער פון די קאנסערוואטיווע פארטייען זענען דער עיקר אלארמירט צוליב דריי זאכען:

ערשטענס. די פאליטיק פון צווינגען יודען צו פערקויפען פאר א שיבוש זייערע געשעפטען צו אריער בעטראכטען די עלטערע פאליטיקער אלס א פארם פון ענטאייגנונג, וואס לויט איהר מהות אונטערשיידט זי זיך וועניג פון דער אמאליגער עקספראפריאציע-פאליטיק פון באלשעוויסטישען רעזשים אין רוסלאנד.

צווייטענס. רואינירענדיג די יודען אין דייטשלאנד, ווערען גלייכצייטיג רואינירט טויזענדער דייטשען, וואס פערלירען די ארבייט.

דריטענס, זעהר בעאונרוהיגענד איז די טאקטיק פון לינקען פליגעל פון דער נאצי-פארטיי, וואס שטרעבט צו שאפען אנ'אפאראט, וועלכער אין פראקטיש נישט עפעס אנדערש ווי א „נאצי-אינטערנאציאנאל" צו פראפאגאנדירען אין אויסלאנד די נאציאנאל-סאציאליסטישע פרינציפען לויט'ן מוסטער פון „קאמינטערן". די עלטערע דייטשע פאליטיקער זעהען פאר, דאס עס איז נישט ווייט די צייט, ווען דייטשלאנד וועט זיך צוליב דער דאזיגער פראפאגאנדע פערוויקלען אין אינטערנאציאנאלע שוועריגקייטען, עהנליך צו די שוועריגקייטען, אויף וועלכע עס טרעפט זיך אן פון צייט צו צייט די קרעמל-רעגירונג צוליב די אקציעס פון „קאמינטערן".

בעת זיינע געשפרעכען האט טאבענקין פעסטגעשטעלט, אז צוליב זייער דראסטישקייט האבען די נירענבערגער געזעצען געהאט פאר'ן דייטשען פאלק א פונקט פערקעהרטע ווירקונג ווי די, אויף וועלכער די דייטשע רעגירונג האט זיך גערעכנט. אדאנק די נירענבערגער געזעצען האבען די יודען געוואונען פאר זיך די סימפאטיעס פון דייטשלאנד'ס שכנים, וואס בעטראכטען די יודען אלס מערטירער.

א פערזענליכקייט, וואס האט אונטער'ן קייזער רעזשים אין דייטשלאנד פערנומען א מיניסטער-אמט, האט אין א געשפרעך מיט עליאס טאבענקין ערקלערט:

„ווען מיר, אין דייטשלאנד, וואלטען געקענט האבען אמת'ע שטים-רעכט און מען וואלט ביי אונז דורכגעפיהרט אנ'עכטען פלעביסציט איבער דער יודען-פראגע, וואלטען צוויי דריטעל פון אונזער פאלק געשטימט פאר דער אבשאפונג פון די אנטי-יודישע געזעצען. קיין שום דייטש, וואס האט איבערגעשריטען דאס 30-טע לעבענס-יאהר, בעטראכט נישט די נאציאנאל-סאציאליסטישע פראפאגאנדע אלס עפעס אנדערש ווי בלויז פאליטישע פראפאגאנדא. עס בעשטעהט אבער די געפאהר, אז די גאנצע דייטשע יוגענד — וועלכע וועט פון 1-טען אפריל 1936 געצוואונגען ווערען אריינצוטרעטען אין דער נאצישער רייכס-יוגענד-בעוועגונג — וועט ערצויגען ווערען אין פערדרעהטע און פאלשע פארשטעלונגען איבער דער יודען-פראגע".

אביסעלע קיביץ

(הומאר פון טאג)

קאנדוקטאר: איהר מוזט צאהלען א בילעט פאר דעם יונגעל.

פרוי: איך מוז שוין גארנישט.

קאנדוקטאר: פארוואס נישט? ער פערנעהמט א גאנצען פלאץ.

פרוי: מיך ארט עס נישט.

קאנדוקטאר: איך וועל דעם יונגעל ארונטערזעצען ביי דער ערשטער סטאציע.

פרוי: איהר קאנט עס טון, אויב איהר דענקט אויף אזא אופן ארויסציהען ביי מיר געלט.

קאנדוקטאר: וואס טוט זיך דא? ווי אלט איז דער יונגעל?

פרוי: פון וואנען זאל איך וויסען? איך זעה איהם דאס ערשטע מאל.

* * *

— איז עס אמת, אז אייער טאכטער האט חתונה געהאט מיט'ן בעקאנטען שנעל-לויפער?

— יא, ווי שנעל אבער ער זאל נישט זיין, אנטקעגען מיין טאכטער איז ער געבליבען הינטערשטעליג!

* * *

— א, פרוי איקס! פון וואנען קומען צו אייך אזעלכע בלויע אונטערגעהאקטע אויגען?

— דאס האב איך מיין מאן צו פערדאנקען.

— מעלדעט עס צו דער פאליציי.

— ב'וועל עס געוויס טון, זאל ער נאר, מיין מאן, פון שפיטאל צוריקקומען!

קאנאדישע בערג-פאליציי זוכט אצינד א שד מיט'ן נאמען וויטיגא, וואס פערקריפעלט אינדיאנער

ס'איז אומעטום אנגענומען, אז די קאנאדישע געהיים-פאליציי בעשטעהט פון זעהר פעהיגע מענשען, וואס קאנען אין עק-וועלט אויסזוכען דעם פערברעכער, וואס זיי דארפען. אבער ווען עס קומט זיי אויס צו פאקען דעם שרעקליכסטען פערברעכער, וועלכער בושעוועט אין דער נארד, וואו עס לעבען די קאנאדישע אינדיאנער, און וועלכער איז בעקאנט אונטער'ן נאמען וויטיגא, ווערען זיי אויס בריות.

עס איז שוין נישט דאס ערשטע יאהר וואס די קאנאדישע בערג-פאליציי יאגט זיך נאך וויטיגא'ן און קאן איהם נישט פאקען. אבער איצט האט ער אפגעטון פרישע צוויי שפיצלעך און עס האלט דערביי, אז א גאנצער דארף זאל אנטלויפען איבער איהם.

טאם ביטי, א האלבער אינדיאנער פון לאק לא ראנזש געגענט, אין דער נארט פון סאסקאטשעוואן, איז געקומען צו פליהען אין דער פאליציי-אפטיילונג פון מאנטרעאל לייק און געוויזען זיין פלייצע, וואס איז אפגעבערענט פון אקרופ. דערביי האט ער דערציילט, אז דער גרויסער וויטיגא איז געקומען, ווען איך האב געוואר'עמט א טאפ וואסער אויפ'ן פייער. דאס וואסער האט געזאטען ווען וויטיגא האט אראפגעכאפט דעם טאפ, צוגעלאפען צו מיר און עס מיר ארויפגעגאסען אויפ'ן רוקען".

אנ'אנדער אינדיאנער מיט'ן נאמען באד האט דערציילט, אז ווען ער איז געשלאפען איז אנגעקומען וויטיגא און האט איהם מיט א דראטיגען שטריק געמאכט פאר א קאליקע אויף א פוס.

ווער-זשע איז וויטיגא? ווי אזוי זעהט ער אויס?

טאם און באד מאלען איהם אויס אזוי: ער איז ריזיג גרויס, געהט אנגעטאן אין א ווייסען זאק און ביי די אויגען זענען אויסגעשניטען לעכער. די אויגען גלאנצען ווי ביי א ווילדער חיה. ער איז א שד, וואס אז ער כאפט זיך אן אן א דארף, דערגעהט ער די מענשען אזוי די יאהרען, אז זיי מוזען אנטלויפען פון דארטען.

די פאליציי האט שוין ביי אנדערע געלעגענהייטען געפרובט כאפען וויטיגא'ן. אבער נאך אלע אנשטרענגונגען, נאך אלע געוואגטע פלענער איז די פאליציי צוריקגעקומען מיט ליידיגע הענט. וויטיגא האט זיך נישט געלאזט כאפען.

די גרעסטע צרה מיט וויטיגא'ן איז, וואס ער לאזט טאקע איבער סמנים פון זיינע שפאן, אבער די שפאן און די פיס-צייכענס זענען אזעלכע, אז מען קאן נישט דערגעהען קיין [illegible] איז ער געלאפען קיין מזרח, אדער קיין מערב; קיין דרום, אדער קיין צפון. עס איז עפעס א פוס, וואס געהט הין און צוריק.

די פאליציי געהט מיט'ן גאנג, אז דערפאר האבען די אינדיאנער זיך איינגערעדט, אז וויטיגא שפרינגט אין דער לופטען, ווייל זיינע טריט לאזען זיך נישט דערקענען, און מען קאן קיינמאל נישט זעהען וואהין ער איז אוועק. די אינדיאנער אליין האבען, הפנים, געוואלט דערגעהען א טאלק וואהין ער האט געשפאנט, און אז זיי האט זיך נישט איינגעגעבען, זענען זיי געקומען צום בעשלוס, אז ער געהט נישט, נאר שפרינגט אין דער לופטען, פון די שטערען צו דער ערד און פון דער ערד צו די שטערען.

איין מאל איז א קאמפאניע אינדיאנער געקומען אין דער פאליציי-סטאנציע און מיט טויט-שרעק דערציילט, אז וויטיגא האט צוגעבונדען איין אינדיאנער צו א בוים, און וועט איהם דארטען לאזען אויסגעהען פון הונגער און דורשט. די פאליציי איז אוועק מיט דער קאמפאניע אינדיאנער.

האט זיך אבער דעמאלט ארויסגעשטעלט, אז די קאמפאניע איז נישט פון יענעם געגענט, זי איז געגאנגען עפעס זוכען אין א פרעמדען געגענט און געזעהען אנ'אינדיאנער, וואס שטעהט צוגעבונדען צו א בוים, האבען זיי געמאכט דעם טעות, אז דאס איז וויטיגא'ס ארבייט.

עס איז אבער געווען א בלבול, וויטיגא איז דא געווען אומשולדיג. ווען די אינדיאנער וואלטען געווען פון יענעם געגענט, וואלטען זיי געוואוסט, אז דער געבונדענער אינדיאנער האט אליין געבעטען זיינע חברים, אז זיי זאלען איהם צובינדען צו א בוים. דער געבונדענער איז א זעהר גוטער מענש געווען, אבער גאר אפט פלעגט אין איהם אריין א „דבוק". ווען דער „דבוק" איז אריין אין איהם, איז ער געווארען א געפעהרליכער מענש. ער האט אפילו געקאנט אימיצען הרג'ענען. אבער איידער דער „דבוק" פלעגט אריין אין איהם, האט ער עס געפיהלט, פלעגט ער זיך דערפאר בעטען ביי זיינע פריינט, אז זיי זאלען איהם בינדען און איהם אזוי-א האלטען ביז עס וועט פאראיבערגעהען אין איהם דאס ווילדע משוגעת.

די קאמפאניע פון פרעמדע אינדיאנער האבען דאס נישט געוואוסט. זיי האבען דערזעהען ווי ער שטעהט צוגעבונדען צו א בוים, זענען זיי געווען זיכער, אז דאס איז וויטיגא'ס ארבייט. און זענען געלאפען מעלדען וועגען דעם אין דער פאליציי-סטאציע, וואו מ'האט פאר וויטיג'ן קיין מורא נישט.

דאס לעבען אין ווארשא

(טעלעפאנישע ידיעות פון דער הויפט-שטאט)

זיצונג פון קאמיטעט צו בעערן דעם אנדענק פון דעפ. ווישליצקי.

היינט קומט פאר א זיצונג פון קאמיטעט צו בעערען דעם אנדענק פון דעפ. וואצלאוו ווישליצקי. דער קאמיטעט וועט בעטראכטען פאלגענדע פראיעקטען: 1) שאפען א סטיפענדיע אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם אויף דער העכערער האנדעלס-שול, 2) שאפען א סטיפענדיע פאר א שילער פון א מיטעלער האנדעלס-שול, 3) איינשרייבען אין גאלדענעם בוך פון קרן-קימת, 4) ארויסגעבען אנ'אנדענקס-בוך, געווידמעט דער טעטיגקייט פון דעפ. ווישליצקי, 5) שטעלען א מצבה אויפ'ן קבר.

פארזיצער פון קאמיטעט איז געוו. סענאטאר ח. שערעשעווסקי.

אויף די גרונטען פון די יודישע קהלות

צוליב דעם, וואס צעהנדליגער יודישע קהלות אין פוילען האבען אין זייער בעזיץ גרויסע ערד-שטחים, אויף וועלכע מ'וואלט געקענט בעזעצען א געוויסע צאהל יודישע משפחות, כדי זיך צו פערנעהמען מיט גארטען-פלעגע, האט דער ווירטשאפטליכער קאמיטעט אנגעהויבען אנ'אקציע אין דער דאזיגער ריכטונג. די סטאטיסטישע מאטעריאלען זאמעלט דער „צעקאבע".

ארעסטירט 7 וואנטורניקעס אין קרייז-געריכט.

נעכטען איז אין קרייז-געריכט פארגעקומען א פראצעס פון בעקאנטען אוואנטוריסט און מעסער-שטעכער קאשאצקי. אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען אין קרייז-געריכט געקומען די קאמפאנעס פון קאשאצקי'ן, כדי זיך אפצורעכענען מיט די בעשולדיגונגס-עדות. וועגען דעם האט זיך דערוואוסט די פאליציי, וועלכע האט ארעסטירט 7 אזעלכע פערשוינען.

א שטרייק פון די יודישע ארבייטער אין שטאטישען שעכט-הויז.

נעכטען ביינאכט איז אויסגעבראכען א שטרייק פון 70 יודישע ארבייטער ביי דער כשר'ער שחיטה אין שטאטישען שעכט-הויז אויף פראגע. זיי האבען פערלאנגט פון די קצבים צו העכערען זיי דעם לוין מיט 50 פראצענט. דער שטרייק האט געדויערט 7 שעה, און דאן איז בעשטימט געווארען א קאמיטעט, וועלכע דארף דעם קאנפליקט ליקווידירען.

פוילישע סטעריליזאציע געזעץ.

דער פראיעקט פון פוילישען סטעריליזאציע-געזעץ איז ביז איצט בעטראכט געווארען דורך די ספערען פון וויסענשאפטלער און דאקטוירים. מיר דערוויסען זיך, אז בקרוב וועט דאס געזעץ בעקומען רעאלע פארמען. די וויסענשאפטס-קרייזען האבען ארויסגעגעבען זייער מיינונג, אז דאס דייטשע סטעריליזאציע-געזעץ איז שלעכט קאנסטרואירט און געהט ארויס פון פארטייאישען פראגראם. דאס פוילישע סטעריליזאציע-געזעץ איז דערווייל בלויז נאר גייסטיג-קראנקע. די סטעריליזאציע וועט קענען אדורכגעפיהרט ווערען נאר מיט דער הסכמה פון קראנקענס פאמיליע און אהן שאדען פאר'ן געזונד פון פאציענט.

ארעסט פאר דער סאוויעטישער אמבאסאדע.

אויף דער פאזנאנסקא-גאס פאר'ן בנין פון דער סאוויעטישער אמבאסאדע האט זיך אויפגעשטעלט אנ'ארים-געקליידעטער מענש און געמאכט אנטי-סאוויעטישע אויסגעשרייען. ער איז ארעסטירט געווארען און ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז דער 50-יעהריגער סטעפאן טשערנוכא, וועלכער איז געקומען פון פאלעסיע צופוס, כדי צו בעקומען א וויזע צו קענען אריינפאהרען קיין רוסלאנד, כדי דארט צו ארבייטען. דא האט ער קיין ארבייט נישט געקענט געפינען. צוליב דעם, וואס מ'האט איהם נישט אריינגעלאזען אין דער אמבאסאדע, האט ער אנגעהויבען צו מאכען אנטי-סאוויעטישע אויסגעשרייען.

עקס-קייזער ווילהעלם לעגט א קראנץ אויף דער טרומנע פון פירשט אלברעכט ראדזשיוויל.

היינט קומט פאר אין געשוויעזש די לויה פון פירשט אלברעכט ראדזשיוויל. צו דער לויה איז געקומען די העכסטע אריסטאקראטיע פון גאנץ איירא-פא. דער עקס-קייזער ווילהעלם האט צוגעשיקט א קאנדאלענץ-דעפעשע מיט א ביטע צו לעגען א קראנץ אויפ'ן קבר פון פערשטארבענעם פירשט ראדזשיוויל. עקס-קייזער ווילהעלם איז געווען דער טויף-פאטער פון פירשט אלברעכט ראדזשיוויל.

וועגען אויפטריט פון בערלינער סימפאנישען ארקעסטער אין ווארשא.

אין „ראבאטניק" געפינט זיך פאלגענדע נאטיץ: אין זאל פון דער ווארשאווער פילהארמאניע וועט, ווי בעקאנט, ארויסטרעטען דעם 22 ד־ח. דער בערלינער פילהארמאנישער ארקעסטער. אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען בשעתו ענטשטאנען זעהר ערנסטע קאמפליקאציעס, ווי בעקאנט האט מען פון דעם דאזיגען ארקעסטער בעזייטיגט דעם בעקאנטען פוילישען פידעל-שפילער שמעון גאלדבערג, דעם בעקאנטען וויאלאנטשעליסט פראטיגאר סקי א.א. דעריבער איז דער ארקעסטער בעדייטענד אפגעשוואכט געווארען. דער ווארשאווער קאנצערט איז נישט ארגאניזירט דורך דער פילהארמאניע און אויך נישט דורך קיין שום אימפרעסאריא."

די מילך - קאנסומציע ביי יודישע ארבייטער - פאמיליעס אין ווארשע

דאס עקאנאמיש-סטאטיסטישע ביורא ביים „צעקאבע" האט אין משך פון א רייהע חדשים, פון סוף 1934 און אנהויב 1935, מיט דער הילף פון די עלטערע קלאסען פון ציש"א-שולען אין ווארשע, דורכגעפיהרט א זעהר וויכטיגע אויספארשונג וועגען די בודזשעטען פון יודישע ארבייטער-פאמיליעס אין ווארשע. עס זענען אויסגעפארשט געווארען העכער 50 ארבייטער-פאמיליעס. איניגיכען וועלען פערעפענטליכט ווערען די רעזולטאטען פון דער דאזיגער אויספארשונג, וועלכע גיט א כאראקטעריסטיש בילד פון לעבענס-ניוואָ פון דער יודישער ארבייטער-שאפט אין ווארשע.

זעהר אינטערעסאנט און בעלעהרענד זענען די ציפערען וועגען דער גרויס פון דער מילך-קאנסומציע ביי די יודישע ארבייטער-פאמיליעס אין ווארשע. וועגען דער דאזיגער פראגע זענען שוין געמאכט געווארען די געהעריגע אויסרעכנונגען. עס ווייזט זיך ארויס, אז אין דורכשניט בעטרעפט די קאנסומציע ביי די יודישע ארבייטער-פאמיליעס אין חודש. דער אפיציעל-פעסטגעשטעלטער דורכשניט פון דער מילך-קאנסומציע ביי דער אלגעמיינער בעפעלקערונג אין ווארשע בעטרעפט 6 ליטער אויף א קאפ. דער יודישער ארבייטער קאנסומירט בכן, מיט קארגע 3 ליטער מילך א חודש וועניגער.

די הויך פון דער מילך-קאנסומציע לויט'ן חודש-פערדינסט ביי דער פאמיליע איז פאלגענדע: אין פאמיליעס מיט א פערדינסט פון 100 זל. א חודש בעטרעפט דער דורכשניט פון דער מילך-קאנסומציע 2 מיט דריי-פערטעל ליטער, אין פאמיליעס מיט א חודש-פערדינסט ביז 175 זל. א חודש — 4 און א האלב ליטער, אין פאמיליעס מיט א פערדינסט ביז 250 זל. א חודש און העכער 5 און אנ'אכטעל ליטער אויף א קאפ א חודש. (יט"א)

דאס פידעל-שפיל גייט אונטער

מענשען האבען נישט וועגען וואס צו זינגען — זאגט פאדערעווסקי

לויט דער בעהויפטונג פון דעם לאנדאנער זשורנאל „קונסט" זאל זיך נישט עמיצער אנדערש נאר פאדערעווסקי האבען אויסגעדריקט, אז די קונסט פון פידעל-שפילען געהט אונטער. עס איז די מיינונג אייגענטליך נישט נאר פון פאדערעווסקי'ן, נאר פון א רייה פידעל-קינסטלער.

— „די מוזיק, — מיינט פאדערעווסקי, — בעהמט אן א קאנסטרוקטיווען כאראקטער. דאן ווען פידעל-שפילען איז א ריין-לירישער מאמענט אין דער מוזיק... דער פריאריטעט פון פידעל איבער אלע אנדערע אינסטרומענטען האט זיך לאנג געהאלטען אין דער וועלט. נאכדעם האט אנגעהויבען צו קאנקורירען מיט איהם דאס קלאוויר. איצט געהט דאס פידעל-שפילען אונטער. די קאמפאזיטארען געבען איהם אפ אלץ וועניגער אכט. מיך ארט דאס זעהר... דאס פידעלע זינגט, ווי עס איז נישט אימשטאנד צו זינגען קיין אנדערער אינסטרומענט. עס זעהט אויס, אז די מענשען האבען נישט וועגען וואס צו זינגען מעהר, אדער, אפשר וועט געשאפען ווערען אזא אינסטרומענט, וואס וועט קענען איבערגעבען די טענער פון דער נייער געגענווארטיגער וועלט, אזוי ווי דער פידעל האט אויסגעדרוקט די מאטיוון פון דער פערגאנגענער וועלט. דער אומגליק איז אויך געקומען דערפון, וואס דעם פידעל האבען באבאל און נמאס געמאכט די פערשידענע רומענער און ציגיינער, וועלכע האבען איהם אין די הענט גענומען. ביי זיי אין די הענט ווערט דער פידעל נישט פערגעטליכט ווי ביי פאגאניני אדער קרייסלער, זיי דינט דער פידעל צום אויסדרוקען נידריגע ליידענשאפטען און נישט הויכע געפיהלען.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג, 14 | י"ט טבת תרצו

יאנואר
זון-אויפגאנג 7.26
זון-אונטערגאנג 3.50

צו אונזערע לעזער!

פרייטאג הויבען מיר אן צו דרוקען ... „נייעם פאלקסבלאט“ א ליטערא-... קינסטלערישען ראמאן געשריבען ... בעריהמטען יודישען שריפטשטע-... ר ל. מלאך.
... עס וועלען אזוי ארום געדרוקט ווע-... אין „נייעם פאלקסבלאט“ צוויי רא-... נען טעגליך.
... דערביי מאכען מיר אויך אויפמערק-... אונזערע לעזער אויף דעם שפאנענ-... און סענסאציאנעלען ראמאן „אויפן ... רנער-וועג“ וואס מיר האבען אנגע-... בען דרוקען אין „נייעם פאלקסבלאט“ ... דער פאריגער וואך.
... אלע ליבהאבער פון שעהנע ליטע-... טור וועלען געווים לעזען אויך אונ-... נייעם ליטעראריש- קינסטלערישען ... מאן פון דיכטער ל. מלאך.

די רעדאקציע.

2 יאנואר קומט פאר א זיצונג פון שטאטישען ביוראט

דעם 23 יאנואר וועט פארקומען א זיצונג ... שטאטישען ביוראט, אויף דער דאזיגער זיצונג ... דער פרעזידענט גלאזעק האלטען זיין ביוד-... עקספאזע.
אויף דער דאזיגער זיצונג וועלען די מיט-... דער פון ביוראט אריינטראגען 2 אינטערפע-... ציעס וועגען די פערשלעפטע אונטערהאנדלונגען ... דער טראמוואי-דירעקציע וועגען ביליגער מא-... דעם טאריף פון די בילעטען און וועגען די ... וועסטיציע-ארבייטען.

קאמוניקאט פון דער סטאראסטווע

צוליב דער גרויסער צאהל ביטעס וועלכע ... אפגעגעבען געווארען אין די לעצטע טעג ... דעצעמבער צו דער שטאטישער סטאראסטווע ... פערלענגערען דעם גילטיקייטס-טערמין פון ... ערלויבנישען אויף געוועהר, טיילט מיט דער ... סטאראסטווע אז דאס ארויסגעבען ערלויבנישען, ... ביטעס וועלכע זענען אפגעגעבען געווארען ... ביז'ן 16. דעצעמבער וועט פארקומען אין די טער-... נען, וועלכע וועלען מיטגעטיילט ווערען דורך דער ... עסע צוליב דעם דארף מען זיך פריהער נישט ... ווענדען

אנשטעקענדע קראנקהייטען אין לאדז
איין פאל פון היינע מערינע

פון 5 ביז'ן 11 יאנואר זענען אנגעמעלדען ... ווארען אין דער געזונדהייטס-אפטיילונג ביי דער ... שטאט-פערוואלטונג פאלגענדע פאלען פון אנשטע-... קענדע קראנקהייטען: פלעק-טיפוס 1 פאל, בויך-... טיפוס—4 פאלען, דיפטעריט—17 פאלען, שקארלא-... טין—10 פאלען, מאזלען—31 פאלען, רויז—2 פא-... לען, קימפעט-פיבער—5 פאלען, סאקלוש—8 פאלען, ... היינע-מערינע—1 פאל, קארק-שטייפעניש—1 פאל.

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16

היינט פרעמיערע!
פילם פון דער נייעסטער סאוויעטישער פראדוקציע א. נ.

גאלדענער טייך

אויסערן פראגראם:
קלאנג-צוגאבען פון Paramount
פון P.A.T.

האנדעלס-אפערע פון א גאלאנטעריע-סוחר
אפגענארט הורטאווניקעס אויף עטליכע צעהנדליג טויזענד זלאטיס און אנטלאפען

(א) אויף פילסודסקיעגא 54 האט געהאט א גאַ-לאנטעריע געשעפט א געוויסער לייבוש הערמאן, דערביי האט ער געהאט א שטילען שותף אהרן גאזש-רזשיק.
אין דער לעצטער צייט איז דאס געשעפט נישט גוט געגאנגען און די שותפים האבען בעשלאסען אויף אנ'אריגינעלען אופן צו ליקווידירען זייער גע-שעפט.
פאר די חגאות האט הערמאן און זיין שותף איינ-געקויפט א גרויסע צאהל סחורות אויף טשעקען אַ-דער וועקסלען צאהלבאר אויף יאנואר אדער פעברו-אר. אין די צאהלונגס-טערמינען האבען זיך די וועקס-לען ארויסגעשטעלט אלס געפעלשטע און די טשעקען זענען געגאנגען צו פראטעסט ווייל ס'איז נישט גע-ווען קיין דעקונג.
ס'האט זיך ארויסגעוויזען אז הערמאן איז אנט-לאפען פון לאדז און זיין שטילער שותף גאזשרזשיק צוזאמען מיט הערמאנס פרוי אסתר און איהר פאטער לייבוש פיינקוכען האבען ארויסגעפיהרט די פערבלי-בענע סחורות און ליקווידירט די אונטערנעהמונג.
די בעשוולדיגטע האבען זיך געווענדעט צו דער פאַ-ליציי וועלכע האט ביי דער ערשטער אויספארשונג פערהאלטען אהרן גאזשרזשיק, אסתר הערמאן און לייבוש פיינקוכען און זיי איבערגעגעבען צו דער דיס-פאזיציע פון דער מאכט. גלייכצייטיג ווערט גע-זוכט דער פערשוואונדען געווארענער הערמאן, די שאַ-דענס וועלכע ס'האבען געליטען די סוחרים בעטרעפט עטליכע צעהנדליג טויזענד זלאטעס.

—X—

לאדזער לאקאטארען-פעראיינען בעמיהען זיך
אז מען זאל נישט מוזען צאהלען דירה-געלד יעדען חודש

(א) די לאדזער לאקאטארען פעראיינען ווערען אלארמירט דורך זייערע מיטגלידער צוליב די נייע המצאות פון די ווירטסלייט אין צוזאמענהאנג מיט דער רעדוקציע פון דירה געלד און ענדערונג אין גע-זעץ וועגען לאקאטארען שוץ.
די המצאות פון די ווירטסלייט בעשטעהען דערין וואס מאנכע הויזבעזיצער האבען בעשלאסען אויס-צונוצען די פארשריפט וועלכע זאגט אז ווען מ'-צאהלט נישט 2 ראטעס דירה געלד קען צוגעמשפט ווערען אנ'עקסמיסיע אויב מ'האט נישט בעצאהלט דאס דירה געלד. מאנכע הויזבעזיצער צווינגען איצט זייערע לאקאטארען אונטערצושרייבען א דעקלאראציע אז זיי פערפליכטען זיך צו צאהלען דירה געלד אין חודשליכע אדער אפילו אין וועכענטליכע ראטעס.
די לאקאטארען פעראיינען האבען אונטערגענו-מען אנ'אקציע צו ענדערען די פארשריפט אויף דעם אופן אז מ'זאל ווייטער קענען צאהלען קווארטאלנע ראטעס פאר דירה געלד.

אינסטיטוציעס וועלכע ווילען געניסען פון דער צוגעשיקטער הילף פון לאנדאנער קאמיטעט
דארפען זיך איין פערלויף פון 2 טעג ווענדען צו פרעזעס מינצבערג

אין צוזאמענהאנג מיט די 9000 זלאטעס, וועל-כע זענען אנגעקומען דורך דער פערמיטלונג פון „דזשאינט“ פון לאנדאנער הילפס-קאמיטעט צום פרע-זעס מינצבערג אויף צו פערטיילען, פאר קוכען, וועלכע גיבען ארויס אומזיסטע מיטאגען, ווענדעט זיך ה' דעפ. מינצבערג צו אלע אומזיסטע קיכען און אויך די, וועלכע גיבען ארויס הילף אין פראדוקטען, אז זיי זאלען זיך ווענדען אין דער קהלה אין פערלויף פון 2 טעג.
די אינסטיטוציעס דארפען מיטברענגען א בע-ריכט פון זייער טעטיגקייט.

דאס גרעסטע, שענסטע און ביליגסטע קינא אין לאדז
Przejazd 1 „RIALTO“ Przejazd 1
פרעזענטירט פון היינט, דינסטאג, דעם 14 יאנואר 1936 פאר'ן ברייטען יודישען קינא-פובליקום 2 שלאגער-פילמען אין איין פראגראם.
I. גרויסער פאלעסטינא-פילם פון דער לעצטער פראדוקציע
פרימארגן, טאג און נאכט אין ארץ-ישראל
סצענאר פון רעדאקטאר יעקב אפענשלאק, אויפגאהמען — מארבערט—בוים, מוזיק און ארץ-ישראל-לידער פון שפילמאן, כאר-נומערן און חלוצים-טענץ פיהרען אויס ארץ-ישראל-זינגער אונטער דער לייטונג פון לעאן ווינער.
II. שפאנענדער פילם פון רוסישען לעבען
„שווארצע אויגען“
רעזשי — וו. טורזשאנסקי
די הויפט-ראלען פיהרען אויס דער גרויסער יודישער טראגיקער הארי באור און די פאסצינירענדע שעהנהייט סימאנע סימאן.
„RIALTO“, Przejazd 1.

עקספארטערן פון טעקסטיל-סחורות קיין כינא
דארפען געדענקען צו צוגעבען יעדעס מאל צו דער מאס

לויט די ידיעות וואס בעזיצט די לאדזער האנ-דעלס-קאמער, בעקומען די פוילישע עקספארטערן פון טעקסטיל-סחורות מעהרערע מאל אויף רעקלא-מאציעס מצד די כינעזישע אפנעהמער, אז עס פעהלט צו דער מאס פון דער סחורה.
צוליב דעם וואס זעהר אפט טרעפען פאלען, אז די סחורות ציהען זיך איין צוליב דעם לאנגען טראנס-פארט מיט'ן ים, האט די האנדעלס-קאמער אויפמערק-זאם געמאכט די עקספארט-פירמען וואס שיקען סחורות קיין כינא, אז זיי זאלען צו יעדען שטיק סחורה געבען אנ'איבערמאס, אזוי ווי עס טון דאס אנדערע פירמען וועלכע עקספארטירען אין די לענ-דער וואהין מ'דארף טראנספארטירען מיט'ן ים.

געלד-פאבריקאנט און קאלפארטעריז
זענען פערמשפט געווארען אויף לאנגע יאהרען טורמע

(א) דעם 11טען סעפטעמבער 1935 האט די פאַ-ליציי ארעסטירט א געוויסע חנה אבראמאוויטש פ. א. וו. 18, וועלכע מ'האט חושד געווען אין פערשפרייטען פאלש געלד. בעת דער רעוויזיע האט מען ביי איהר געפונען 40 פאלשע מטבעות צו 2 זלאטעס, ווי זי האט ערקלערט האט זי דעם טראנספארט געקויפט ביי יאן מילער (ספאציעראווא 3) צו 50 גראשען פאר א 2-זלאטעדיגער מטבע.
אין מילערס וואוינונג האט מען אויך געפונען געפעלשטע מטבעות. ער האט ווידער אנגעוויזען אז דאס האט ער געקויפט ביי בראניסלאוו קאמינסקי אויף לאגעווניצקא 64. ביי קאמינסקין האט מען געפינען א קאמפלעט איינגעארדענטע פאבריק פון פאלש געלד.
טעכטען איז פארגעקומען דער פראצעס געגען קאמינסקין, מילערן און חנה אבראמאוויטש. בראני-סלאוו קאמינסקי איז פערמשפט געווארען אויף 4 יאהר טורמע, חנה אבראמאוויטש אויף 2 יאהר. מילער איז פרייגעשפראכען געווארען.

א „דייטשער“ וועלכער האט ליב נדנים
פאליציי ארעסטירט א בעקאנטען נדנים-שווינדלער

(א) די פאליציי האט לעצטענס אונשעדליך גע-מאכט א פראפעסיאנעלען נדן-שווינדלער, וועלכער האט גראסירט אין פערשידענע שטעט פון פוילען, אנגעבענדיג זיך אלס אינזשיניער.
דער ספעציאליסט פון די ליבעס-אפערעס הייסט יוזעף ווינערט, וועלכער וואוינט לעצטענס אין רודא-פאביאניץ.
זיין קאריערע האט ער אנגעהויבען אין סולע-יאוו, וואו אויסגעבענדיג זיך אלס אינזשיניער האט ער חתונה געהאט מיט העלענא סקווערטשינסקא און נעהמענדיג ביי איהר 3300 זלאטעס איז ער נעלם געווארען, ווייטער האט ער אויסגעשווינדלט ביי הילדא שרייבער 2000 זל. אלגא אלפעטער 3000, אננא בעלערמאן 2000 זלאטעס פריידא מאסליך 3000 זל. און א ריהה אנדערע. ענדליך איז ווינערט ארעסטירט געווארען און איבערגעגעבען געווארען צו דער דיספאזיציע פון דער מאכט.

די לעצטע 6 צוגאב-קאמיסיעס

(א) די שטאטישע סטאראסטווע האט פעסטגע-שטעלט די טערמינען ווען עס וועלען אמטירען די לעצטע צוגאב פאבאר-קאמיסיעס אין יאנואר, פעב-רואר און מערץ ה. י.
דעם 15טען יאנואר — פאר פ.ק.או. לאדז — שטאט 1; דעם 28טען — פאר לאדז-שטאט 2.
דעם 15טען פעברואר — פאר פ.ק.או. לאדז-שטאט 1; דעם 28טען — פאר פ.ק.או. 2.
דעם 15טען מערץ — פאר פ.ק.או. לאדז-שטאט 1; דעם 28טען מערץ — פאר לאדז-שטאט 2.
די קאמיסיעס וועלען אמטירען אין לאקאל אויף פעטריקאווער 145.
אין אפריל וועט קיין צוגאב פאבאר קאמיסיע נישט זיין טעטיג און אין מאי וועט פארקומען דער נארמאלער פאבאר.

קאנטראלירט די פאבאר-רשימות

(א) פון 2טען ביזן 16טען יאנואר 1936, וועלען אין מיליטערישען ביורא ביי דער שטאט פערוואלטונג פעטריקאווער 165, אין די ביורא שעה'ן אויסגעלעגט ווערען די רשימות פון די פאבאראווע פון יאהרגאנג 1915.
די פעראינטערעסירטע פאבאראווע דארפען קאנ-טראלירען די ריכטיגקייט פון דער רעגיסטראציע און אויב זיי וועלען בעמערקען א פעהלער אדער אונפינקטליכקייט דארף מען וועגן דעם באלד מעלדען.

אפטייקען.
היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט בייכאכט דיזשורירען פאלגענדע אפ-טייקען:
ליינוועבער (פריהייט-פלאץ 2), הארטמאן (מלי-נארסקא 1), דאניעלעצקי. (פיעטריקאווער 127), א. פערעלמאן (ציגעל נאס 32), צימער (וואלטשאנסקא 37), וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקי 27).

קינדער פאלען פון די טרעפען

(א) אין טרעפען-הויז אויף סלאוואצקיעגא 33 איז אראפגעפאלען פון די טרעפען דאס 6-יעהריגע מיידעלע יאדוויגא פוטא. אין א שווערען צושטאנד איז דאס קינד אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.
אין ראשטשאנאוויץ איז אויך אראפגעפאלען פון די טרעפען דער 3-יעהריגער רישארד מאלי, וועלכער איז שווער פערוואונדעט געווארען. דאס קינד איז א שווער-פערוואונדעטעס אפגעפיהרט גע-ווארען אין שפיטאל.

פארפאלען

(א) אויף עק זגערזשער און לימאנאווסקיעגא איז איבערגעפאהרען געווארען דורך אנ'אויטא דער 62-יעהריגער אנדזשעי גוזשארא פון קאטשנא 14 אין א שווערען צושטאנד איז דער פערוואונדעטער אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

* * *

אויף קאמארניצקא 5 האט זיך געלעגט שלא-פען אין א שיכורען צושטאנד מיט אנגעצונדענעם פאפיראס אין מויל א געוויסער באלעסלאוו ניעראדא ער איז באלד איינגעשלאפען און דער פאפיראס האט דערווייל אנגעצונדען דאס בעטגעוואנד, אויפן געשריי פון דעם איבערגעוועקטען שיכור זענען אנ-געקומען די שכנים וועלכע האבען די שרפה פער-לאשען, ניעראדא האט בעקומען שווערע בראנד-וואונדען, די פאגאטאוויע האט איהם ערטיילט הילף.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15. טעל. 149-07
ספעציעל-ארצט פאר מענער - שוועכע-בע-האנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענד.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען

Dr. R. Zalcwasser
כירורג
צעגעלניאנא 19, טעל. 125-17
נעהמט אן פון 1—2 און פון 4—6.30.

צום היינטיגען קאָנצערט
פון קולטור־ליגע־כאָר אין פילהאַרמאָניע

היינט טרעט אויף אין פילהאַרמאָניע־זאַל דער כאָר פון דער געזעלשאַפט קולטור־ליגע, שטיל און בעשיידען פיהרט די אינסטיטוציע איהר אַרבייט, דאָס אויפשטעלען אַזאַ גרויסען כאָר מיט געהעריגען שטים־מאַטעריאַל איז נישט [illegible] פון די לייכטע זאַכען, בפרט ,ווען מ׳דערמאָנט זיך, ווי אָרים די דאָזיגע אַרבייטער־אינסטיטוציע איז אין פינאַנציעלע מיטלען. דאָך האָט דער כאָר ביי דער קולטור־ליגע, אָדער, ווי ער רופט זיך פאָלקס־כאָר, דערגרייכט זעהר אַ הויכער שטופע און זיין ענטוויקלונג. דאָס האָבען בעוויזען די פריהערדיגע קאָנצערטען, אין העלענאָוו און אין פילהאַרמאָניע, וועלכע האָבען בעגייסטערט טויזענטער צוהערער.

פיל צו פערדאַנקען דעם וואוקס פון דעם כאָר איז טאַקע די כאָריסטען אַליין מיט זייער דיריגענט טעאָדאָר רידער, וועלכע לעגען אַוועק פיל מיה און אַרבייט, כדי די קאָנצערט־אַרויסטרעטונגען זאָלען קאָנען בעגייסטערען די טויזענטער צושויער. אַ חוץ אָבער די אַלע מעלות פון דער געזאַנג־אינסטיטוציע איז פאַראַן נאָך עפּיס אַזעלכעס, וואָס עס איז ספּעציעל אייגען דעם קולטור־ליגע־כאָר: דאָס איז די נישט שטיפמוטערישע בעציהונג צו אונזער לשון — צו יודיש.

אין דעם פּרט איז דער פאָלקס־כאָר ביי דער קולטור־ליגע, די איינציגע אינסטיטוציע ביי אונז אין שטאָט, וועלכע טראָגט איבער די צאַרטע מוזיק־קלאַנגען אין יודיש נישט נאָר פאָלקס־לידער נאָר די קלאַסישע ווערק, די אראַטאָריום־שפּראַך פון היידענס „מעשה בראשית“ גיט אונז דער פאָלקס־כאָר אין יודיש.

ס׳איז דעריבער די איינציגע יודיש יודישיסטישע אינסטיטוציע ביי אונז אין שטאָט, וועלכע פלעגט און ענטוויקעלט מיט דעם געהעריגען פּיעטעט אונזער יודיש לשון אויפ׳ן געביט פון מוזיק. דעריבער פערדינט די אינסטיטוציע די פולע אָנערקענונג און אונטערשטיצונג פון די אַלע, וועלכע ווילען וועהן יודיש אומעטום, ווי שפּראַך און אויסדרוק האָט אַ בעדייטונג.

בחנמ׳דיגער קאָנצערט
פאַר שילער פון פאַך־שולען און מיטעלשולען פון פּראָפ. פעראיינען

די בילדונגס־און ־קולטור־אָפּטיילונג ביי דער שטאָט־פערוואַלטונג, צוזאַמען מיט דער לאָדזער מוזיק־געזעלשאַפט און לאָדזער פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער אָרדענט איין דעם 19. יאַנואַר, 12 ביי־טאָג אין טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי“ דעם ערשטען בחנמ׳דיגען קאָנצערט פאַר דער יוגענד פון די פאַך־שולען און מיטעלשולען פון פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, אויסגעפיהרט דורך דעם פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער. אַלס סאָליסטין טרעט אַרויס די פּיאַניסטין פּאַולאַ שמוקלער.

פון פּאַלעסטינע־אַמט

ה׳ פרידענזאָהן יוסף דאַרף זיך מעלדען אין היגען ארץ־ישראל אַמט (שרודמיעיסקאַ 29) פון 10 ביז 1 פאַרמ.

PRY WATNE

Pogotowie Lekarskie

Telefon

Legjonów 6 (Zielona) 12-333

טעטיג אָהן איבעררייס אַ גאַנצען מעת - לעת

גיבט ערצטליכע הילף אין אַלע ספּעציאַליטעטען

האַנטווערקער־עקספּאָזיטור
פּיעטריקאָווער 20
וועגען דער האַנטווערקער־אויסשטעלונג

זונטאָג אין אָוונט איז אין דער האַנדווערקער־עקספּאָזיטור פּעטריקאָווער 20, אונטער׳ן פאָרזיץ פון מגר. מ. באַלבערישסקי, פאָרגעקומען אַ בעראַטונג וועגען אָנהויבען די פּראָפּאַגאַנדע צווישען די יודישע האַנדווערקער, וועגען אָנטיילנעמען אין דער האַנדווערקער - אויסשטעלונג אין חודש מאי 1936 יאָהר אין סטאַשיץ־פּאַרק.

מגר. באַלבערישסקי אינפאָרמירט געגוי וועגען דער וויכטיגקייט פון פּראָפּאַגאַנדירען און אָרגאַניזירען די דאָזיגע אַקציע, וועלכע האָט אַ קאָלאָסאַלע בעדייטונג פאַר דער יודישער מלאכה און פאַר יעדען יודישען האַנדווערקער בעזונדער.

די ראַטמענער פון דער האַנדווערקער־קאַמער פּיאַלקאַ, האַנעמאַן, קאַלסקי דערגענצען די ערשטע רעדע מיט אַ גאַנצע רייהע פּראַקטישע אָנווייזונגען.

נאָך אַ קורצער דיסקוסיע ווערט בעשלאָסען, אַז ס׳ווערט געשאַפען אַ גרויסער יודישער קאָמיטעט אין וועלכען ס׳וועלען אַ חוץ די פאָרשטעהער פון די 11 אָנוועזענדע פעראיינען און צעכען אָנגעשלאָסענע אין דער עקספּאָזיטור און פּילסודסקיעגאָ 69) אויך צוגעצויגען ווערען פאָרשטייער פיי אַלע אָהן אונטערשיד האַנדווערקער־פעראיינען און צעכען, יודישע פּרעסע, און אויך יחידים, וועלכע האָבען אַן אינטערעס פאַר דער דאָזיגער אַרבייט.

אַ ספּעציעל־אויסגעקליבענע קאָמיסיע אין צוזאַמענשטעל פון די ה״ה מגר. באַלבערישסקי, ראַטמאַן קאַלסקי, בעקער (שניידער־צעך), גראַפּינקעל (גאַבעלין־וועבער), פישער (כאַלופּניקעס), דאַרף צו דער נאָהענטסטער זיצונג פון אַלגעמיינעם פערברייטערטען יודישען קאָמיטעט צוגרייטען אַ גענוי אויסגעאַרבייטען פּלאַן ווי אַזוי די גאַנצע אַרבייט צו אָרגאַניזירען און בעשטימען אַ טערמין פון דער נאָהענטסטער זיצונג פון אַלגעמיינעם יוד. קאָמיטעט.

ערשטער פּרוב צו עקספּערימענט [illegible] לאָדזער טישלער־אויסאַרבייטונגען

די האַנדעלס־צענטראַלע ביים פערבאַנד פון די האַנדווערקער־קאַמערען האָט, נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט ענגלישע אימפּאָרטערען וועגען צושטעלען טישלער־אַרבייטען, וועלכע ווערען אויסגעאַרבייט אין די קאָאָפּעראַטיוען וואָס געהערען צו דער צענטראַלע, צווישען אַנדערע האָט דער קאָאָפּעראַטיוו פון האָלץ־אויסאַרבייטונגען אין לאָדז בעקומען אויסצופערטיגען 300 טישלען אַלס פּרוב־בעשטעלונג.

צוליב דעם וואָס ס׳איז פאַראַן אַ מעגליכקייט פון ווייטערדיגע האַנדווערקער־בעשטעלונגען נישט נאָר אין דער טישלער־בראַנזשע, דאַרפען זיך די האַנדווערקער אָרגאַניזירען אין קאָאָפּעראַטיוען, כדי צו בעקומען בעשטעלונגען.

די קאַרטאָטעק ביי דער האַנדווערקער־קאַמער ווערט שנעל אַדורכגעפיהרט

די קאַרטאָטעק פון די האַנדווערקער־וואַרשעווער אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע, וועלכע די האַנדווערקער־קאַמער האָט אָנגעהויבען איינצופיהרען, געהט שנעל פאָראויס.

